STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02579

# A TOG IN REGENSBURG

## Joseph Opatoshu

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by The Yiddish Book Center*
*in honor of*
*Tom Freudenheim, in appreciation of his generosity, dedication and commitment*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פֿאַרלאַג
די
גאָלדענע
פּאַווע

יוסף אפאטאשו

# א טאג אין רעגענסבורג

JOSEPH OPATOSHU

*A TOG IN REGENSBURG*

(UNE JOURNÉE A REGENSBURG)

(A DAY IN REGENSBURG)

COPYRIGHT 1955 BY « DI GOLDENE PAVE »
12, AVENUE SCRIBE, MEUDON (S.-&-O.)
PRINTED IN FRANCE
IMPRIMERIE ABÉCÉ, 11, RUE LOUIS-BLANC, PARIS Xe

יוסף אפאטאשו

# א טאג אין רעגענסבורג

פארלאג די גאלדענע פאווע

פאריז 1955



י. אָפּאַטאָשו
VIII/13 - 54

---

מיין ליבער א. מיעדניק,

דערהאַלטן אייער בריוו און כיענטפער גלייך. איר זענט גע־רעכט. די האָלצשניטן דאַרפן שטימען מיטן יידישן מיטלאַלטער. מען דאַרף אָבער אַכטונג טאָן סיבוד זאָל זיך נישט פאַרלירן אין די אילוסטראַציעס, נאָר פאַרקערט, די אילוסטראַציעס, פאסיקע אי־לוסטראַציעס, זאָלן געווינען פונעם אינהאַלט.

ווי כיזע וועט „אַ טאָג אין רעגענסבורג" אַרויס אָן גרייזן. און דאָס איז אַזאַ זעלטנהייט אין יידישע דרוקן, אין יידיש נאָך ערגער ווי אין העברעאיש.

און וואָס איז מכח די אָנהייב אותיות ?

כיהאָף, אַז מיט אייער געשמאַק און מיט די פּאַריזער מעג־לעכקייטן, וועט אַרויס אַ בוך, וואָס מען וועט זיך אַרומטראָגן דערמיט.

בלייבט געזונט און שטאַרק,

אייער מיט פריינטשאַפט

י. אָפּאַטאָשו

י. אָפּאַטאָשו

13/VIII – 54

ליבער א. מוקדוני

דערהאַלטן אייער בריוו מיט [illegible]. איר זאָגט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

י. אָפּאַטאָשו

ווען יוסף אָפּאַטאָשו ז״ל האָט אונדז, צוריק מיט צוויי יאָר, געגעבן דאָס רעכט צו דרוקן זיין וואָרט־געמעל פון יידישן לעבן אין אַלטן דייטשלאַנד „אַ טאָג אין רעגענסבורג“, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד צו פאַרעפנטלעכן אַ צווייטע אויפלאַגע פון זיין זאַפטיקסטן און יידישסטן בוך.

מיר פון אונדזער זייט האָבן געפּרוּווט אַלץ טון, אַז דער אויסזען פונעם בוך זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיין אינהאַלט. צענדליקער בריוו זענען געווען געשריבן פון אונדז צו אים און פון אים צו אונדז מיט אָנפראַגעס און אויסטייטשונגען פון ווערטער און אויסדרוקן, וועגן אויסלייג און אפילו וועגן אינטערפונקציעס אין שייכות מיטן דאָזיקן בוך. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע ענדערונגען אין פאַרגלייך מיט דער ערשטער אויסגאַבע זענען געמאַכט געוואָרן מיט זיין הסכמה. מיר האָבן געפונען עטלעכע צייכענונגען, וואָס עטעמען, אַזוי ווי דער מחבר האָט דאָס געוואָלט, מיטן יידישן מיטלאַלטער. דער אינהאַלט איז זיכער ווערט אַ רייכערן אילוסטראַציע־מאַטעריאַל. לאָמיר האָפן, אַז אין אַ קינפטיקער אויסגאַבע וועט דאָס ווערן געטאָן.

אונדז דאַכט זיך, אַז יוסף אָפּאַטאָשו ז״ל וואָלט געווען צופרידן, ווען ער זעט „אַ טאָג אין רעגענסבורג“ אין רעד נייער אויסגאַבע.

ס׳איז ליידער נישט אונדז און נישט אים געווען באַשערט, ער זאָל זען זיין בוך פאַרטיקערהייט; עס קומט ערשט אַרויס צו זיין ערשטן יאָרצייט.

אָבער מיר אַלע ווייסן, אַז יוסף אָפּאַטאָשום מיין וועגן דיכ־טער אין זיין רעגענסבורגער בוך איז אויך חל אויף אים אַליין:

„ס׳לעבן איז נישט פאַרשווענדעריש. גיט עס אייגעם די וועלט, גיט עס אים גיט יענע וועלט. די אייביקייט איז אָבער זייער.“

ערב יום־כיפור תשמ״ז
צו יוסף אָפּאַטאָשוס ערשטן יאָרצייט

דער פאַרלאַג
די גאָלדענע פּאַווע


der Steinern
rſpürg.
Reg
Thonaw flu


Schöner Pro
Brücken zu
Hof.
Dona Stauff
Thonaw flu
Ober Wert

די שווערע שולטירן, געשמידט און געהאַמערט מיט אייזערנע מגן-דודס, זענען געשטאַנען ברייט צעעפנט. פון דער טיף האָט אַרויסגעשאָטנט אַ קילקייט, זיך צעלייגט איבערן געפלאַסטערטן אַריינגאַנג, וואו טויבן האָבן אַרומגעשפּאַצירט, זיך געוויגט אויף דינע רויטע פיסלעך, געטערקלט.

אויפן באַלעמער איז געשטאַנען דער אַלטער יעקיל, וואָס האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן דאָס שמשות דעם זון זיינעם. דאָס מאַטע פּנים גערונצלט און איינגעפאַלן פון אַלטקייט. ס'ווייסע בערדל, געקניפּט און געקאַלטנט, האָט זיך געריסן צו די פּאות, צו די ברעמען, גלייך מען וואָלט ס'פּנים אַרומגענומען מיט אַ קרענצל קנאָבל.

ער האָט געקוקט אויפן רויטן טעפּיך, וואָס האָט זיך געשפּרייט צווישן באַלעמער און דעם אָרון-קודש, געקוקט אויף די אָפּגעפּוצטע הענגלייכטערס און העסעם, אויף די ווייס געשאַרטע „שטעט“, אויף די אָפּגעפרישטע ווענט, וואָס זענען געוועזן באַמאָלט מיט הירשן, מיט שפּילכלים, מיט קאַפּיטלעך תהילים. דער אַלטער שמש האָט געשעפּט נחת, וואָס די פּרוכתן און מענטעלעך זענען אויסגעוועטערט, וואָס אין חלל

פון דער שול זעט זיך קיין שטויבעלע ניט. ער האָט איינגעצויגן די ליפּן, די נאָז, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים פונאַנדערניסן, און אַ זאָג געטאָן צום זון מיט אַ יונג קולעכל:

— געלויבט השם־יתברך, ווען געשעט עס ווידער זאָ איין ברוילעפט? איין מאָל אין אַ לעבן־טאָג. הייסן הייסט עס, אַז אונדזער שלמה בעלאַ־סער, דער גרויסער גביר, דער וואַקערער, חשובער מאַן, האָט זיך משדך געווען מיט אַ צווייטן גביר, מיט אליהו מאַרגאַלים פון ווירמיזע. מאַגסט הערן, וואָס איך רעד צו דיר, בערל.

— כ׳הער, פאָטער — האָט דער זון אַ רוק געטאָן זיין גרוי היטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גלאָק, נאָר מיט אַ טראָלד אין דער הייך, און ווייטער געשווירן די שנויצן פון די אָפּגעברענטע חלבנע ליכט.

— ווי זאָגט מען, בערל? רייד לחוד און מעשים לחוד — האָט דער אַלטער שמש אַ צי געטאָן די קניהויזן, וואָס זענען געזעסן אין לאַנגע וואַ־לענע זאָקן. — דען וויסן מאַגסטו, אַז אונדזער קהילה, די רעגענסבורגער און די ווירמיזער קהילה, זענען די קעסטליכסטע קהילות אין גאַנץ אשכנז, יחסנים קהילות, וואָס זענען ניט שוה בשוה פאַר די לעצטע פּאָר יאָר. היינט, בערל, מוז שלום ווערן — רעגענסבורג איז זיך משדך מיט ווירמיזע. ס׳וועט זיין, זאָג איך דיר, בתופים ובמחולות. מען שמועסט, אַז אויף דער חתונה קומען פּראַגער לצנים, און אונדזער לייב פון רעגענסבורג גרייט זיך שוין צו דער חתונה פון פּסח אָן. ער האָט צוגעגרייט „צו זינגען און צו זאָגן". אַ חידוש בלויז, וואָס קבצנים איז דערוויל ניקס צו זען. די דאָ־זיקע לייט, וואָס זענען פּטור פון שולן־גיין, טאָן זיך די ערשטע פּעדערן, טאָן זיך שטענדיק מקדים זיין.

בערל, אַ שמאַלער, אַ ניט־דערוואַקסענער, האָט זיך מיט אַ מאָל אויס־געגלייכט, איז געוואָרן אויפגעהייטערט, און זיין בלאָנד, שיטער בערדל האָט זיך פאַרויסן מיט גדלות, ווי דער געשווירענער עק ביי אַ הענדל, ווען ס׳קלייבט זיך אַ קריי טאָן.

— איז עס אמת, פֿאַטער, דאָס שמואל בעלאָסער האָט נאָך פֿאַר דער חתונה די יוד אלפים רייכסטאַלער געסילוקט?

— ער קען אויך צוואַנציק טויזנט סילוקן — האָט דער פֿאַטער אַ שטעק געטאָן צוויי פֿינגער, ווי אַ בייסצוועגל, און ס׳האָט געפּעלט אַ האָרעלע, די פֿינגער זאָלן אָנכאַפּן בערלס פֿאַרשפּיצט בערדל.

פֿאַטער-זון, מיט אַ פֿינקל אין די אויגן, מיט אַ שמייכל אין די בערד־לעך, זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיין מיט פֿאַרריסענע קעפּ.

דער אַלטער יעקיל האָט געבליקט אין די קאַלירטע שייבלעך, וואָס אי־בערן אָרון-קודש. זונשטראַלן האָבן זיך געצונדן, זיך איבערגעבראָכן, גע־וואָרן איינס מיטן פּריילעכן שפּערל-געצוויטשער, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די ליידיקע שולווינקלען. יינגלווייז האָט יעקיל געגלייבט, אַז דורך די באַבלימלטע שייבלעך, וואָס זיצן טיף איבערן אָרון-קודש, גייען די תּפֿילות פֿונעם שליח-ציבור אין הימל אַריין. און ווער קען עס איצט אָפּלייקענען, אַז ניט?

דער זקן האָט מיט געמאָסטענע טריט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

אין פּעדערשול, וואו ס׳איז געווען טונקל און קיל ווי אין אַ קעלער, איז געשטאַנען אַ קופּערנער כּיור, אַ בייכיקר, מיט קנייטשן. אַרום די שנויצן און קראַנען, וואו יידן האָבן הונדערטער יאָרן געטונקען די פֿינגער, איז דאָס קופּער געווען אויסגעגעסן, אויסגעביסן.

פֿון געוואוינהייט האָט דער אַלטער שמש אַ וויש געטאָן די הענט אָן דעם פּייכטן קופּער און די ליפּן זיינע האָבן אָנגעהויבן פּרעפּלען. פֿאַר יעקילן איז די האַנטפּאַס ניט געווען קיין צעבראָכענע כּלי. דאָ, ביי די אויסגעגעסענע שנויצן, זענען פֿאַר אים געשטאַנען מענטשן, משפּחות, היי־זער. דאָס הויז „צו דער קרוין“. „צום ווייסן הירש“, „צו דער זון“, דאָס הויז, וואו ס׳הענגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג די שילד פֿון אַ שוואַרצן בער, די גרינע טיר, די רויטע טיר, דער שפּרינגברונעם — גאַנץ רעגענסבורג, וואָס פֿאַרנעמט דעם שולהויף, די יידישע גאַס, דעם בית-עלמין אויפֿן באַרג — אַלץ האָט אין אַ רגע אויפֿגעלעבט אינעם שמש, געוואַרט אויף

אים אין דרויסן, וואו ס'האָט געפּלייצט מיט זון, פאַרזיכערט, אַז די זיבעציק יאָר, יעקילס יאָרן, זענען ניט צעטרענצלט. די יאָרן לעבן אין דער שול, אינעם האַנטפאַס, וואָס אין פּאָליש, אינעם הויז „צום גילדענעם לייב", וואו יעקיל וואוינט, אין יעדן שטיקל פון זיין הויזראַט, אפילו אין דעם זאַמד, וואָס אונטער די פיס.

דער שמש איז אַרויס אויפן הויף. זיינע שוואַכע אויערן האָבן קוים אויפגעכאַפּט דעם ניגון פון דער ישיבה, וואָס איז געשטאַנען אין שכנות מיט דער שול. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, וואו זיין זעקס־יעריק אייניקל, אַ בּאָרוועס יינגל, האָט זיך געבאָקן אויף דער זון.

— ווי קומסטו אַהער, דניאל? — האָט דער שמש אויפגעשנאָלט דאָס שטייענדיקע קעלנערל פון זיין קורצן, געפּאָלדעוועטן ראָק, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום נאָפּל. — גייסט ניט קריק אין שולשטוב?

— דער מיינסטער שיקט אונדז אוים דער שולשטוב אַהיים — האָט ס'אייניקל זיך אַ שאַר געטאָן צום עלטער־פאָטער. — היינט ניקס געלערנט, אַ חתונה אין מקום.

— רעכט, האָסט רעכט — האָט דער עלטער־פאָטער ארומגענומען דעם זעקס־יעריקן בחור.

דער טאָג איז געווען בלוי און גאָלדיק.

די זון איז געשטאַנען איבערן קאָפּ אַ צעפּלאַמטע, האָט איינגעשלונגען ס'קלענסטע וואָלקנדל. די שול מיטן געוועלבטן דאַך, מיט די רויע שטיינערנע ווענט, וואָס האָבן פון אַלטקייט זיך געבּרעקלט, זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט זילבערנע און גאָלדענע אָדערלעך. אַלץ האָט זיך געצויגן צום הימל, זיך געוואָרעמט, אָפּגעדעקט וואו אַ באַהעלטעניש, וואו אַ שפּעלטל, און איבערן שולקאָפּ, אין דער דורכזיכטיקער לופט, האָבן געפינקלט די קלויסטערשפּיצן פון הייליקן עמעראַם.

דער אַלטער רעגענסבורגער שמש האָט אַרומגענומען ס'אייניקל, אים

געוויזן אויפן קלויסטער, און געהאַט צו דערציילן, אַז פון קדמונים אָן האָט די שטאָט קעלן געשמט מיט איר ישיבה. קריק מיט כמה הונדערטער יאָרן איז ר׳ עמרם, איינער פון די „חסידי־אַשכנז״, דערצו אַ גרויסער בעל־מופת, געווען אין קעלן ראש־ישיבה. ר׳ עמרם האָט מיט „שמות״ אָראָפּגע־בראַכט משיח־בן־יוסף, וואָס איז גרייט געווען חרוב צו מאַכן די גאַנצע וועלט. פון גרויס רחמנות צום מענטש, צו דער בהמה, צום עוף — וואָס הייסט רחמנות? דער ר׳ עמרם האָט קיין מאָל אויף זיין לעבן ניקס טועם געווען, איידער זיינע עופות האָבן געהאַט געגעסן —

בשעת יעקיל האָט גערעדט, האָט ס׳אייניקל זיך צוריק אויסגעצויגן אויף דער באַנק. ער האָט פאַרוואָרפן די הענט, די פיס, און איז געווען גליקלעך, וואָס די זון וואַרעמט, וואָס דעם עלטער־פאָטערס האַנט קילט די באַקן, קרייזלט די פאות, גלעט דעם שטערן.

די ווערטער מיט אַ ניגון, וואָס זענען געפאַלן פון יעקילס איינגעפאַלן מויל, האָבן זיך געהויבן, האָבן זיך גערעדלט פאַרן יינגלס אויגן. דניאל, וואָס האָט שוין די מעשה ניט איין מאָל געהאַט געהערט, האָט אַצינדערט ווי שטענדיק דערפילט ביי די ערשטע ווערטער, ווי דער גוף זיינער ווערט לייכטער, ווערט גרינגער, נעמט זיך הייבן פון דער באַנק. יאָגט זיך נאָך די ווערטער, נאָכן „שטוב־טראָפּ״. וואָס פלאַטערט איבער אים, מישט זיך אוים מיטן שפּערל־געצווויטשער, מיטן טויבן־געטערקל.

דאָס אייניקל איז פאַרלאָפן דעם עלטער־פאָטער דעם וועג, האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט נאָך אַ דינער קולעכל:

— און אַז ר׳ עמרם׳ס שעה האָט געהאַלטן ביים אויסלויפן —

— יאָ, קינד ליב — האָט יעקיל געקליבן די ווערטער, ווי ער וואָלט זיי אַרויסגעזאָגט פון אַ געשריבן ספרל; — אַז ר׳ עמרם׳ס שעה האָט געהאַלטן ביים אויסלויפן, שיקט ער נאָך זיינע תלמידים און זאָגט: „מיינע ליבע תלמידים, ווען איך געשטאָרבן בין, זאָ זייט מיך מטהר, לייגט מיך אין אַן ארון און שטעלט דעם ארון אין אַ קליין שיפליין אויף דעם ריין. דאָס שיפ־ליין לאָזט אַליין גיין, וואו עס הין וויל, ס׳וועט מיך ברענגען, וואו מיינע

עלטערן צו קבורה ליגן". — ווי נאָר די תלמידים טאָן דעם ארון אין שיפ־ליין אויף דעם ריין, הייבט דאָס שיפליין קעגן שטראָם אָן צו לויפן, ביז עס נאָך מאַינץ קומט. דאָ קומט אויף דעם גרויסן וואונדער די גאַנצע שטאָט צו לויפן — יהודים און גויים להבדיל. ווילן די גויים דאָס שיפליין גרייפן, לויפט דאָס שיפליין הינטער זיך. און ווי נאָר די יהודים צו דעם באָרטן פון ריין קומען, גייט דאָס שיפליין צו די יהודים. זעט מען באַ־שיימפּערלעך, אַז דאָס שיפליין צו די יהודים באַגערט און ניט צו די גויים. דאָ טרייבן די גויים פיל עזותקייט, שלאָגן פון כעס די יהודים — און דער הגמון הייסט איבערן ארון איין טיפלה בויען. — דאָס, קינד ליב, איז די תיפלה און ביז אויף דעם היינטיקן טאָג הייסט זי: „טמא עמרם".

— און דער ראש־ישיבה? — האָט ס'איינִיקל געעפנט אַ פּאָר בלויע, אויסגעוואַשענע אויגן, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט דעם סוף; — ליגט דער ראש־ישיבה אין דער תיפלה?

— ניין, קינד ליב, די תלמידים האָבן ביי נאַכט גענומען ר' עמרם'ען אויס דעם אָרון און אים צו קבורה אויף אונדזער בית־עלמין געבראַכט.

— און דו, עלטער־פּאַטערכן, דו ווייסט, וואו זיין קבר איז? — האָט ס'איינִיקל אַריינגעשטעקט זיין באָרוועס פיסל אין יעקילס אויסגעטועניעם פּאַנטאָפל.

— קיינער ווייס ניט, קינד ליב — האָט דער זקן זיך איבערגענומען, וואָס ער טראָגט אָרום מיט זיך דעם סוד.

היינט איז ער, יעקיל, דער איינציקער, וואָס ווייס דעם סוד. מאָרגן וועט ער נעמען בערלען, וועט אַרויסגיין מיט אים אויפן בית־עלמין, וועט אים ווייזן, וואו ר' עמרם ליגט. ער, יעקיל, האָט עס בקבלה פון זיין פּאָ־טער; דער פאָטער — פון עלטער־פּאָטער; דער עלטער־פּאָטער — פון עלטער־עלטער־פּאָטער. און אַזוי דורות, דורות. ער וועט נעמען ביי בער־לען אַ שבועה צו טראָגן דעם סוד ס'גאַנצע לעבן. און אַז בערל וועט אַלט ווערן? זענען פאַראַן, געלויבט צו גאָט, איינִיקלעך — ס'איז דאָ דניאל, ס'איז דאָ לעמליין...

בחורים, צעריסן, צעשליסן, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן פון דער ישיבה. זיי זענען ניט געגאַנגען, נאָר האָבן אונטערגעשפּרונגען:

— איך האָב נאָך היינט ניקס אין מויל געהאַט!

— און איך פאַסט פון נעכטן אָן!

— און איך בין טויט־שלעפעריק! פון נעכטן ביז איצט האָב איך דעם מיינסטערס נייעם „חדוש" איבערגעשריבן!

— ביסטו דערפאַר איבער נאַכט אַ „מחבר" געוואָרן!

— ניט איך, מוישל. גענוג, אַז דו טוסט זיך אין דיינע „לקוטים" מיט געלקחנטע „חדושים" אַרומטראָגן!

— און איך טו קודם כל אָפּעסן — האָט מוישל זיך אַ נעם געטאָן פאַרן בויך.

— ווער האָט נאָך אַזוי איין איינשוט?

— און אַזוי איין פּאַנץ?

— מוישלם גלייכן געפינט איר ווייניק אין גאַנץ רעגענסבורג!

— ניט בחינם קלייבט ער זיך היפּש אַריינצוזויפן און אַריינצואַכלען!

— לעמליין סאַרווער דערציילט, — האָט מוישל זיך געמאַכט פאַר אַ תם — אַז ביי בעלאַסערן איז אָנגעגרייט פון כל־טוב — געבראָטנס, געזאָטנס, פלאָדן, וועלשער מאַקאַראָני, פיש אין זויערן, אין זיסן, העכט אין ווין.

— טאָ לאָמיר ניט זיין קיין ריקים און זיך צואיילן!

— געגאַנגען!

— אָט איז יעקיל, יעקלין שמש!

— ער זיצט, ווי ס'וואָלט ניקס געוועזן!

— נו, יעקיל — האָט אַ בחור זיך צוגעזעצט צום אַלטן. — מיר גרייטן זיך היינט צו דער אמתער, חשובער סעודה!

— צו פרי! — האָט ס'קאָלטן בערדל זיך געשאָקלט ביים שמש און ווען איבער צוויי מנינים בחורים זענען זיך צונאַנד געקומען, האָט ער

צענומען די האַנטפלאַכן ווי צוויי וואַגשאָלן. — וואָס איז די בהלה? וואָס איז ס׳געאיל?

— מען דאַרף דעם חתן מקבל־פּנים זיין!

— אַרויסרייטן אַנטקעגן!

— די גאַנצע חברותא!

— אַזוי — האָט דער שמש אַריינגעשטעקט אַ פינגער אין אַ גוואַלדרים פון אַ בחורס „יופע״; — אין אייערע בגדי־מלכות קענט איר דעם וועג צו פוס מאַכן, ניט דווקא אויף פערד!

— מיר טוען זיך איבער, עלטער־פאַטערכן!

— פאַרשטעלטע ציען מיר אַנטקעגן!

— מיט שווערדן!

— מיט פאַנצערס!

— אמתע ריטער!

— איך, יעקלין, בין פּרינץ בבא — האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַ בחור, דאַר און לאַנג, ווי אַ תחום־שבת.

לעבן הויכן בחור איז אויסגעוואַקסן אַ נידעריקער, אַ קיילעכדיקער ווי אַ פייקל. ער האָט אַ שאַר געטאָן די פינגער איבער דער גאַנצער לענג פון הויכן בחור, ווי איבער אַ האַרפע, און זיך צעזונגען:

קיין זאָלכן מאָן
האָב איך געזען אין לאַנגע צייטן;
באמת, ער מוז זיין אַ געשפּאָרעטער האָן
מיט פעכטן אונ׳ מיט שטרייטן.
איך האַלט, עס זענען ווידער אויפגעשטאַנען דיטריך פון בערן
אָדער הילדעבראַנט, די זעלביקע הערן!

דניאל האָט זיך אַזוי צעלאַכט פון די ביידע בחורים, אַז ער האָט זיך גענומען דרייען אין אַ רעדל ווי אַ טרענדעלע, וואָס מען לאָזט אָפּ מיט אימפּעט. די יונגע כוחות, וואָס האָבן זיך געשוימט אין דעם יינגל אַ גאַנצן

פּאַרמיטאָג, האָבן, אונטער די הלצות פון די בחורים, אים אוועקגעטראָגן איבערן שולהויף מיט אַ פאַרבענקטן מע־ע־ע!

— און וואו איז די שיינע דרוזאַנע? — האָט עמעצער אַ פרעג געטאָן ביי די צוויי בחורים.

— שרהליין, דעם ראש־ישיבהס? — האָט דער בייכיקער בחור אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג.

— און איך העט מיך אָסור מיט דער כלה פליישיק געמאַכט!

— און איך העט מיך אָסור געקרעקט מיט איר!

— אַ מויד אַ פלאָדן!

— פו, פו, אייטל ניבול־פה! — האָט דער שמש אוועקגעטריבן פון זיך די בחורים, ווי מען טרייבט אַוועק עופות.

ס'האָט זיך אַרויסגערוקט אַ הויקערל אָן אַ האַלדז:

— און איך, יעקלין, בין יואָב־בן־צרויה.

— און איך, מיינע הערן, בין דוד! — האָט אַ צעפּלאַמט בחורל מיט רויטע פאות זיך פאַרנייגט.

דער בחור, קיילעכדיק ווי אַ פּיקל, האָט ווידער זיך צעזונגען:

דוד האָט אַראָפּגעצויגן דעם ריזן
זיין האַרניש אונ' זיין שווערד.
ער שפּראַך: איך וועל עס פאַרקויפן,
עס איז פיל געלט ווערט!

— דו, גרויסער קטוב, זעסט אוים צו זיין פון יענע לייט, די זיך אַלע צייט גאַר פרייליך האַלטן! — האָט דער שמש מיט ביטול געוויזן אויפן קיילעכדיקן בחור און געערדט צום עולם. — ער קאָן זאָגן, האָט דעם אמתן חתוך הדבור...

— ער האָט נאָך עפּעס אויך, יעקיל ליב!

מוישל קראָקער, אַ פופציק־יעריקער בחור, אַ באַוואַקסענער, וואָס איז שוין געהאַט אויסגעוועזן אַלע ישיבות אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך,

האָט זיך אַרויסגערוקט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געגאַנגען שטעלן פאָרן עמוד:

— און איך, רבותי, בין מיינסטער הילדעבראַנט!

— ס'איז שקר! דער גוי הילדעבראַנט האָט פון חרם־דרבנו־גרשון גע־טאָן האַלטן!

— און איך? — האָט מוישל געמאַכט אַ פּנים, ווי ער וואָלט קיין צוויי ניט געקענט ציילן.

— דו? — האָבן זיך עטלעכע בחורים אָנגערופן מיט אַ מאָל; — דו ביסט אַלע צייט פּריוולייִדיק! וואו נאָר אַ ישיבה, שטייסטו אין שידוכים!

— מוישל — האָט אַ בחור אָנגעוויזן אויף צוויי לייז, וואָס האָבן ביי מוישלען פון אונטערן קאָלנער אַפּערגעשפּאַצירט; — אַ געפאַנגענער רי־טער ביסטו!

— מיין ווי ניבול־פּה הערט מען ניט. — האָט דער שמש גענומען שלעפּן פון דער קעשענע אַ געשריבן ספרל, עם צוגעטראָגן האַרט צו די אויגן. — ווי לערנט אונדז ר' יודא חסיד? יאָ, האָסט ביי יענעם אויפן מלבוש אַ לויז דערזען, ווארף זי פּאָר פרעמדע אין די אויגן ניט אראָפּ: זאָלסט יענעם ניט מביש זיין, וואָרעם דאָס איז אַ חטא.

— אַז פון דער מכה, יעקיל ליב, קען מען ניט פּטור ווערן — האָט דער פּופּציק־יעריקער מוישל געשמייכלט. — מיט שבועות, מיט חרומות, מיט „שמות" טו איך זיי טרייבן און ניקס העלפט! לייגט מען זיך ביי נאַכט שלאָפן אַוועק, נעמען זיי דיך פון געלעגער שלעפּן. דאָס שטרוי הייבט זיך, באַקומט לשון: שור, שור, שור, גלייך חיילות וואָלטן פאַרבייגעצויגן!

— מיט אַ געהויבענעם הספד האָבן מיר זיי שוין צו קבורה געבראַכט און ניקס העלפט!

— אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט עמעצער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אי פון חתנס צד, אי פון דער כלהס צד!

— קוקט, די אמתע מחותנים הייבן אָן קומען!

— ניט קיין מחותנים! ס׳איז אַ וואָלקנבראָך! גאָט זיי מיט אונדז!

פון אַלע זייטן שולהויף האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן בעטלערס — הינקעדיקע, לאָמע, בלינדע. אַ הויקער פון פאָרנט, אַ פּוקל פון הינטן. מען איז געקומען מיט ווייבער, מיט קינדער, מיט געפּעק. מען האָט געקלאַפּט מיט האָלצפיס, מיט שטעקנס, מיט קרימפּלהעלצער, זיך צעלייגט איבערן שולהויף ווי אַ געשווילעכץ, און יונג און אַלט האָבן געגודערט:

— טויט-הונגעריק זענען אונדז!

— דאָס וואויללעבן גייט אונדז ניט נאָך!

— וואו איז ס׳ברוילעפּט-הויז?

— אונדז קומט אַ מאָלצייט!

— און אַ פליישיקס!

— וואו איז ער, דער שמש?

— הויסן זיצט ער!

די בחורים, איבער צוויי מנינים, האָבן פאַרגעסן, אַז ס׳וואַרט פאַר זיי גוט אָפּצועסן, אַז ערגעץ ווייט אין דייטשלאַנד, אין פּוילן, וואַרטן אויף זיי ווייבער מיט קינדער, וואַרטן גוטע רבנות-שטעלן.

וועגן ווייטע, ניט זיכערע, פול מיט סכנות-נפשות, האָבן געצויגן, האָבן געלאָקט. די וועגן האָבן ניט געלאָזט איינזיצן, ווי עס האָבן ניט גע־לאָזט רוען די „חדושים", וואָס די בחורים האָבן צעטראָגן איבער דער וועלט, ווי עס האָבן ניט געלאָזט רוען די טריפּענע „ראָמאַנצן", וואָס די וואַנדער-בחורים האָבן מיטגעשלעפּט אין זייער געפּעק. אַ טרויער האָט זיך פאַרקליבן אין דעם ישיבה-בחור, אין דעם למדן, אפילו אינעם רב. דער טרויער האָט זיי געטריבן פון פּוילן קיין דייטשלאַנד. פון דייטשלאַנד קיין איטאַליע, קיין פראַנקרייך, וואו מען האָט געקענט לויזער מאַכן אויף זיך די רצועות. וואָס האָבן דורות-לאַנג געוויקלט און געקוועלט דעם אויס־געצערטן גוף.

דער שולהויף איז געוואָרן שוואַרץ. כּנופיות בעטלער זענען אָנגעקומען פון אַלע זייטן, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ווי קראָען. די לופט איז פול געוואָרן מיט קולות — צעצויגענע, אָפּגעהאַקטע, וואָס זענען געפאַלן אויף די אויערן ווי דאָס געשריי פון בושלס, ווען זיי קומען אָן צו פליען מיטן פרילינג.

די אָנפירער פון די כנופיות — איינער מיט אַן אויסגעהאַקט אויג, איינער מיט אַ פּאָנים ווי אַ בירפּאַס, איינער מיט אַ קרומלעך מויל — האָבן זיך אַרויסגערוקט פון פאָרנט, געזוכט דעם פערטן אָנפירער, סענדערן מיטן רויטן קול.

— היי, רויטער!

— וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

אַנטקעגן דער זון איז סענדערס רויטע באָרד געווען אַ שטיק פלאַם, וואָס האָט זיך געריסן אַרום דעם צעעפנטן מויל. געלעקט די אָפּגעברענטע באַקן, איז פאַרקראָכן אונטערן היטל. ער האָט פלינק געשפּרייזט אין זיינע געפאַלדעוועטע שטיוול, און זיינע קלאַפּטער־אַקסלען, וואָס האָבן געקענט אויפהייבן אַ וואָגן משא, האָבן אַרויסגערופן דרך־ארץ.

— אַט בין איך!

זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער וואַכשטוב, וואו בערל שמש איז שוין געזעסן מיטן פּאַטער, געווען גרייט צו פאַרשרייבן די נעמען פון די בעטלער און די ערטער, פון וואַנען זיי קומען.

— שלום־עליכם, ר׳ יעקיל, שלום־עליכם, ר׳ בערל! — האָבן אַלע פיר אַ זאָג געטאָן מיט אַ מאָל, ווי ס׳וואָלט געווען אַ שפּראַך.

— עליכם־שלום, עליכם־שלום — האָט יעקיל אויסגעזונגען די ווערטער, צוגעשאָקלט מיטן ווייסן בערדל, און ווען דער זון זיינער וואָלט דאָ ניט געווען, וואָלט ער יעדן איינעם געגעבן די האַנט.

ער, יעקיל, וואָס איז כמעט אויף זיין לעבן ניט אַרויסגעפאָרן פון רעגענסבורג, האָט אין הארצן קיין מאָל ניט מבטל געווען בעטלער. פאַרקערט, ס׳האָט אים שטענדיק געצויגן צו פאַרשווינען, וואָס שלעפּן זיך איבער גאָטס ערד, קענען אַ וועלט מיט מענטשן, דערגייען, זאָגט מען, ביז צום סמבטיון און האָבן תמיד וואָס צו דערציילן.

בערל, וואָס האָט ניט געענטפערט אויפן שלום־עליכם, געטריבן פון זיך דעם זעקס־יעריקן דניאל, האָט געקוקט די שלעפּערס אויף די פינגער, זיי זאָלן עפּעס ניט אונטערשלאָגן, און האָט זיך מיט אַ בייזער געפרעגט:

— איר זייט דאָס די אייבערשטע?

אַלע פיר האָבן אַ טרייסל געטאָן מיט די בערד אויף יאָ.

— וויפל אירע זענט איר?

— איבער אַ מאה.

— גענוי, גענוי, מען דאַרף פאַרשרייבן!

— הונדערט און פינף, אָן אַ באַנעמעניש, וועט זיין גענוג?

— די והותר, די והותר — האָט זיך בערל אַ שליידער געטאָן; — אָבער דינגט זיך ניט מיט מיר! — וויפל א י ר ע זענט איר?

— איידער וואָס־ווען — האָט דער מיטן אויסגעהאַקטן אויג זיך אַרויסגערוקט — נאָך ניקס געפרעסן, ניקס געזאָפן, און איר, ר׳ בערל, שוין שוין —. וואָס איז דער רוגז?

— מיט אַן אמת, וואָס איז דער רוגז? איר, ר׳ בערל, זענט דאָך ניט אַזאַ — — ווי דער ווירמיזער משרת — האָט דער מיטן קרומען מויל אַרויסגעשפּריצט די ווערטער און בשעת-מעשה אַ נעם געטאָן דעם חבר זיינעם מיטן גרויסן בויך. — הערשעלע, ווי גייט עס? לאָזן זיי הערן, אַז די וועלט איז ניט הפקר! אמת, מיר זענען בעטלער, נאָר אַז דער ווירמיזער כלב האָט זיך אָנגעהויבן מיט אונדז — — נו הערשעלע?

הערשעלע האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט אוועקגעלייגט די קורצע הענט אויפן בויך, פאַרמאַכט די אויגן, איז געשטאַנען אַ ווייל ווי אַן אויסגעגאָסענער געץ און האָט זיך צעזונגען מיט אַ בויך-קול:

הערט צו, איר ליבע לייט,
וואָס דאָ פאַרגייט אין דיזער וועלט,
ווען מיר נאָך ווירמיזע זיין באַרייט —
אָד, מיר אָרימע לייט!

ווען מיר אורחים נאָך ווירמיזע טון-נען מאַרשירן,
זאָ לאָזט מען אונז נים פאַר די טירן:
דאָ קומט דער ווירמיזער משרת מיט זיין שטאָק צו לאַווירן
אונ׳ טוט איינעם נאָך דעם אַנדערן אין דער וואַכשטוב אַריינפירן.
ער שפּראַך: ווי לאַנג ביסטו היר געוועזן אונ׳ ווי איז דיין נאָמען?
דאָס דער ווירמיזער משרת זאָל מיט גאָטס מויל פאַרלאָמען!

— נו, גענוג, גענוג — האָט יעקיל זיך פאַרשטעלט די אויערן.

— לאָז אים ענדיקן, פאַטער.

— לאָז אים, עלטער-פאַטערכע — האָט דניאל זיך געבעטן.

— ניין, ניין — האָט דער זקן אַ נעם געטאָן הערשלען פאַרן בגד; — וואו נעמט דאָס אַ ייד אַזוי פיל לשון-הרע? ד ו רעדסט אויפן משרת, דער משרת — אויף דיר און עץ ביידע פאַרשוועכט גאָטס נאָמען.

הערשעלע האָט געטענצלט אַרום דעם אַלטן שמש.

— און דאָס איז ניקס. וואָס אין ווירמיזער לאַנד טון די פּרנסים אָן דעם אָרעמאַן גרויסע שאַנד?

— פאָלגט מיך, יידן, און ציט אין טאַנצהויז — האָט דער אַלטער זיך ביי זיי געבעטן.

— מיר גייען, מיר גייען! זאָגט נאָר, זייט מוחל, וואו וועלן מיר עסן?

— אין דער בעקעריי, וואָס אין קעלער פון טאַנצהויז. שטייען פאַר אייך טישן געגרייט.

— און וואָס הערט זיך מיט לצנים? — האָט דער מיט דער פלאַמיקער באָרד אַ זאָג געטאָן אַזוי כלאחר־יד.

— דערווייל ניקס געהערט און ניקס געזען — האָט בערל געזוכט אין אַ ווינקל פון וואַכשטוב אַ ביסל זאַמד אָפּצוטרוקענען דאָס געשריבנס.

דער מיט דער פלאַמיקער באָרד איז אים נאָכגעגאַנגען, האָט אים איינגערוימט:

— אויב מען וועט דאַרפן — קענען מיר אַלץ!

— וואָס אַזוינס קענט איר? — האָט בערל מיט צוויי פינגער צונויפגעשאַרט ס׳זאַמד.

— אַלץ, אַלץ — פלייט שפּילן, קונצן אויף שטאָלצן, זינגען און זאָגן, שלינגען־שלאַנגען מיט ביר־ און ווייַנפלעשער, קאַטאָוועס טרייבן — בעסער ווי אמתע לצים! זאָגט נאָר און מיר וועלן אוים דעם אָרבל פון כּל־טוב אַרויסשיטן!

— עס וועט אָבער זיין חצי שלי — האָט בערל זיך אויסגעגלייכט און זיין צעשפּאָלטן בערדל, אַ פאַררויסנס ווי דער עק ביי אַ שוואַלב, האָט געקוקט אויפן שלעפער.

— אַ וואָרט איז אַ וואָרט!

— און פאַר בחורות האָט איר עפּעס?

— מיר האָבן אַ ניי ליד, וואָס פאַרקוויקט — ווי שלאָפן פירן — האָט דער בעטלער מיט דער פלאַמיקער באָרד אַריינגעלאָזט די האַנט אין דעם

אָפּענעם האַריקן לייב. — וואו איז ער צו אַלדע יאָר? הערשעלע! גיב גאָר ס'ליד, ווי די בחורה וואַרפט אַרויס דעם ריק דורכן פענצטער!

הערשעלע, גלייך ער וואָלט געוואַרט אויפן באַפעל, האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אַריינגעצויגן דעם בויך איבער די כוחות און מיט אַ נעבעך־פּנים זיך אָנגעהויבן בעטן, ווי אין ווינקל פון דער וואַכשטוב וואָלט עמעצער געשטאַנען:

— איך קאָם פאַר מיין פיינסליבס טויער
די טיר וואַר צוגעשלאָסן...
פיינסליב, לאָז מיך הערייַן,
דערפראָרן מעכט איך זיין!
— — — — — — — —
איך לאָז דיך הערייַן..

הערשעלע האָט נאָך ניט געהאַט געענדיקט. ער האָט געהאַלטן ביים עכטן־געדיכטן, ווי דער ריק וויל ניט בלייבן געטריי, ווי די בחורה בינדט אים הענט און פיס און שלײַדערט אים אַרויס דורכן פענצטער.

ס'געזאַנג איז ביי הערשלען מיט אַ מאָל געבליבן שטעקן אין גרגרת. אין דער טיר איז געשטאַנען דער ראש־ישיבה, אַ הויכער, אין אַ שוואַרצן בגד מיט אַ קנאָפּ ביים האַלדז. ס'בגד איז געוועזן ענלעך אויף אַ פּרויען־מאַנטל.

— וואָס פאַרע ראָמאַנצן? וואָס פאַרע נאַרנלידער און ניבול־פּה דאָ אויפן שולהויף? און אַז עס איז אַ גבירישע חתונה, איז וואָס? איז שוין הפקר? געגאַנגען, געגאַנגען אין טאַנצהויז! און אַז איר וועט זינגען אייערע זנות־לידער, וועט מען אייך משלח זיין פון שטאָט! און איר, יעקיל, אַ זקן אַ ייד, שטייט און הערט אוים?

יעקיל מיטן זון האָבן זיך אויפגעשטעלט פאַרן ראש־ישיבה, זיך געפילט שולדיק. דניאל האָט זיך באַהאַלטן אונטערן טיש. די פיר בעטלער האָבן זיך גערוקט צו דער צווייטער טיר, געוואָלט אַפּציען. און ביי דעם

רויטן מיטן האָריקן לייב האָבן די אויגן געשרפּט, האָבן די נאָזלעכער זיך גערייכערט. איין שפּרונג — און ער וואָלט דעם ראש-ישיבה, דעם שטענדיקן שונא זיינעם, צעדורשט.

— מען דאַרף האָבן מזל, מיינסטער, אפילו צו אָרעמע לייט — האָט דער אַלטער שמש געזאָגט צום ראש-ישיבה; — ווי זאָגט ר׳ יודא חסיד? מען דאַרף שטענדיק בעטן גאָט, ער זאָל וועדיקע אָרעמע לייט צושיקן.

— איר האָט אָבער פאַרגעסן, יעקיל — איז דער ראש-ישיבה ווייכער געוואָרן; — ר׳ יודא חסיד זאָגט אויך: „האָב ניט קיין פרייד פון גוייש טאַנצן און שפּרינגען, פון שטעכן און טורנירן, וועסטו די שימחה פונעם לוויתן מיטן שור-הבר זוכה זיין צו זען״.

— גילדענע רייד, מיינסטער — האָט דער זקן געשאָקלט מיטן קנאָבל-בערדל.

— מיר זענען אָבער קיין גויים ניט — האָט דער מיט די קלאָפּטער-אַקסלען געשלונגען די ווערטער, געפּאָנפּעט, נאָכגעמאַכט דעם ראש-ישיבה, דעם ספרדי, וואָס די יידישע אויסשפּראַך איז ביי אים געווען אויסטערליש, ניט ווי ביי קיין ייד און ניט ווי ביי קיין גוי.

— ערגער ווי גויים! — איז בערל געוואָרן האָפּערדיק און האָט אַ געשריי געטאָן. — און דו, רויטער שלעפּזאַק, צי דיין שטראָז!

— און שותפות מיט אָט דעם גוי — האָט דער בעטלער אַן עפּן געטאָן זיין האָריק לייב — האָסטו נאָר וואָס געוואָלט טרייבן?

— איך? — האָט בערל זיך אַ ריס געטאָן צום בעטלער, וואָס האָט דעם יונגן שמש געקענט אין דרייען צוזויפליגן און אריינשטופּן אינעם זאַק, וואָס איז ביי אים אַראָפּגעהאָנגען פונעם רעכטן אַקסל.

איידער יעקיל מיטן ראש-ישיבה האָבן צייט געהאַט פונאַנדערצונעמען ביידע צדדים, האָט דער שולהויף אויפגעציטערט. איז פול געוואָרן מיט פלייטגעזאַנג, מיט טאַנצן און גלעקל-געקלימפּער. אַ פּאַרשוין מיט אַ הילצערנעם פּוס האָט אַריינגערימפּלט אין וואַכשטוב:

— מזל-טוב, די פּראָגער לצים זענען אָנגעפאָרן!

דער מיט דער פלאַמיקער באָרד האָט מיט אַ וויש אַוועקגעשאַרט דעם יונגן שמש פון וועג, ווי מען שאַרט אַוועק אַ חפץ. מיט גזלנישע אויגן האָט ער אַ גלאָץ געטאָן אויף זיינע חברים. וואָס זענען געשטאַנען גע־פלעפטע:

— וואָס שטייט איר, הורן־יעגער!

ווי אַ ווינט האָבן די בעטלער פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר, באַלד זי קריק געעפנט. הערשעלע האָט אויף אַ פריער אַריינגעשטעקט זיין טשאָלנט־בויך, דערנאָך אַן אָפּן „פרעסער" מיט אַ הונדערט ציין:

מיר בעטן ביי נאכט, מיר בעטן ביי טאָגן,
דאָס אייך דער דונער זאָל במהרה דערשלאָגן!

— אַזאַ נבֿוזרדן!

— אַזאַ פּושע ישראל!

— כ׳לאָז אים גלייך תפוסן — האָט דער ראש־ישיבה, געבויגן ווי אַ ברונעמשטאַנג, נערוועז געדרייט מיט זיינע לאַנגע ווייסע פינגער דעם קנאָפּ ביים האַלדז און גערעדט שנעל; — כ׳לאָז אים גלייך תפוסן, דעם שלעפּזאַק!

דניאל האָט פון גרוים פרייד זיך דערווייל אָפּגעשאַרט פון אונטערן טיש. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אויף די הענט, האָט אַרויסגעשטעקט אויפן ראש־ישיבה אַ דין, רויט צינגל און געקוקט, ווי דער פאָטער רייסט זיך כלומרשט פון עלטער־פאָטערס הענט, רייסט זיך מיט אַ געשריי און שטייט אויף איין פלאַץ:

— לאָז, פאָטער, לאָמיך! כ׳נהרג אים, דעם שלעפער, כ׳דורס אים, דעם בעטלער! לאָז, פאָטער, לאָז!

די בויד, אַן איינגעשפּאַנטע, איז שוין געשטאַנען אין מיטן שולהויף. די בוידפּלאָנען זענען געווען פאַרבויגן און ס׳פּייקל מיט דער יידנהאַרף האָבן ניט אויפגעהערט אָנצוזאָגן, אַז די פּראָגער לצים זענען אָנגעקומען.

עולם האָט זיך געשאָטן פון די הייזער, פון די שמאָלע הויפן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געעפנט קליינע פענצטערלעך. יונגוואַרג, מאַנצבילן, ווייבער האָבן זיך אַרויסגעבויגן איבער דער העלפט, זיך אָנגעשפּאַרט ווער אויפן בויך, ווער אויף די עלנבויגנס, געלוקט אויפן שולהויף, וואו דער אָנלויף איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט די בויד כמעט ניט אַרויסגעזען.

דער הייסער נאָכמיטאָג האָט געפרייכט מיט פּלייט און פּויק. די בעטלער, וואָס האָבן געהאַט באַגעגנט די לצים מיט קללות און חרמות, זענען איינציקווייז שטום געוואָרן. זיי האָבן אפילו פאַרגעסן, אַז אין טאַנצשטוב וואַרט אויף זיי אַ פליישיק מאָלצייט. מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳געפּעק, זיך צעלייגט אַרום די שולווענט, אַרום די טרעפּלעך, אַרום דעם קילן, שטיינערנעם ברונעם, וואו מען האָט איבערגעשראָקן אַ מחנה שפּערלם, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זאַמד.

מיט רחבות האָט די זון זיך געטאָרקלט מאַנק די בעטלער, אויסגעוואַ־
רעמט, אויסגעבריט דעם אומפּלייט פון די האָריקע לייבער, פון די קאַלטנ־
בערד, פון די פאַרוואָרלאָזטע קעפּ.

מאַנק די לצים האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אָפּגעברענט מיידל. די טונ־
קעלע אויגן — ווינט און אומרו. די קליינע, שטייפע ברוסטן האָבן זיך גע־
בערגלט הינטער דעם קורצן, געפּאַסטן קלייד, וואָס איז פול געוועזן אַרום
די קני מיט פאַלדן, מיט קרייזלעך, מיט טאַשן. די פיס, דינע, בויגיקע
פיס, וואָס זענען געזעסן אין „באָט־שיך" מיט גלעקלעך, האָבן געקלימ־
פּערט, בעת זי איז אפילו געשטאַנען.

— אַ מויד אַ בראַנד! — האָט דער ישיבה־בחור מיט די רויטע פאות
געוויזן אויף דער בויד.

— כ'העט גערן ליגן מיט איר צו נאַכט — האָט מוישל קראָקער זיך
געשמייכלט אין דער באָרד אַריין.

— העסט רק געאומקיישט, רק געקיפּלט ווי אַ קיניגל!

— ווי נון די ווייבער זייער סדר איז — האָט מוישל זיך דורכגעשטופּט
מיט די עלנבויגנס, זיך גערוקט צו דער בויד. — און דו, זלמן, צדיק מיי־
נער, וואָס קוקסטו אויף דער בחרוה, גלייך איין געבראָטענע טויב העט
דיר אין מויל געפלויגן?

— גיי מיט דיינע נבזה־שטיק — האָט זלמן זיך געהאַלטן אַן מוישלען;
— זאָג מיר ליבערשט: ווער איז דער לולב, וואָס טענצלט אַרום איר?

— לויט דער הלבשה, לויט דעם הילוך — אַ שטאָלצנגייער.

— מוישל, ווייסט וואָס? — האָט זלמן זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער
בוזעמטאַש, אויב זיין זינגשפּיל „אמנון און תמר" ליגט דאָרט; — אפשר
גאָר אַ טרייב טאָן איין ווייניק משא־ומתן? אַ רעד טאָן מיט די לצים וועגן
מיין זינגשפּיל און דאָס שיין מענטש, די טענצערין, אַ וויל בלייבן לאָזן?

— ס'איז ביים וועג — האָט מוישל אָנגעקוואָלן; — מיר האָבן אַ בורא
אין הימל, האָט ער דיר אַ תמר מיט גלעקלעך צוגעשיקט!

דער שטאָלצנגייער, אַ מאָגערער, אַ הויכער, איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בויד. ער איז אַריין צווישן המון, זיך געבעטן:

— איר הערן! מאַכט פּלאַץ, איר רבותי!

און אַז דער המון האָט זיך אָפּגערוקט, זיך צעשטעלט אַרום דער בויד אין אַ האַלבראָד, איז דער שטאָלצנגייער געוואָרן אויפגעלייגט, האָט גענומען הייבן זיינע לאַנגע פיס ווי אַ בושל. ס׳לצנישע פּנים איז געוואָרן לענגער, האָט גענומען טריפן מיט שמד־שטיק. די דינע, צונויפגעצויגענע ליפּן האָבן צוגעפּייפט, געענטפערט אויף די קשיות, וואָס זענען געקומען פון המון:

וואָס זאָל מען מאַכן?
זינגען און׳ לאַכן,
לאַכן און׳ זינגען.
מיר זענען אַהער געקומען
אַ שיינעם ניגון אָנצוזינגען!

— זלמן — האָט מושל איינגערוימט דעם חבר; — אויב ס׳זאָל גיין גאָר וואויל, האָב איך אַ „פּיסל" אין דער כנופיה.

— לאָמיר הערן.

— דאָרט יענעם זעסטו?

— וואָס איין ציגן־מאַסקע אין דער האַנט האַלט?

— איך מיט אים זענען געווען גאָר איינס מיט אַנאַנדער, זאַלבעאַנאַנד געלערנט ביי ר׳ לייבוש פּראָגער. אַזאַ קאַטאָוועס־טרייבער איז ווייט צו זוכן. ער איז עס, אויף מיין וואָרט — ער, פּישל דער זויפברודער!

— מאָג איך אים אַ רוף טאָן?

— וואָרט איין ווייל, וואָרט. דער שיינער פּאַרשוין קען אום דאָס חיות ברענגען. אויב ס׳איז יאָ ער, אויב ס׳איז פּישל, ווילט זיך אַצונדערט אין זיין מויל ניט אַריינפאַלן! אין פּראָג האָבן אַלע פאַר אים געטאָן ציטערן, אַפילו דער ראש־ישיבה. און אַז ער פלעגט ביי איין חנוכה־ אָדער ביי איין

פּורים-שפּיל נעמען ווייבער דעקן, איז געווען שאַנד און שפּאָט! פון חרפּה און בושה האָט ס׳פּנים געטון פלאַמען און ווי אויף צו להכעיס האָבן ווייבער אים ליב געהאַט, מיט אים זנות געטריבן, מיטן עזות-פּנים!

— ווי אין „סוטה“ שטייט — איז זלמן געוואָרן אַלץ אויפגערוימטער;

— „רוצה אשה בקב ותפלות —“

דער שטאָלצנגייער האָט אַ הייב געטאָןביידע פיס מיט אַ מאָל און מיט איין שפּרונג איז ער געבליבן שטיין אויף דעם צעעפנטן לאָדן פון דער בויד. ער האָט זיך אַ צי געטאָן, זיך אַליין אַריבערגעוואַקסן מיט אַ קאָפּ. דאָס פּנים לענגלעך, די פאַרשפּיצטע נאָז פאַרבויגן ווי דער שנאָבל ביי אַ רויבפויגל. ער האָט געשטעלט טריט ווי צום טאַנץ, זיך דורכגע-שפּאַצירט איבער דעם בויד-לאָדן איין מאָל, נאָך אַ מאָל. און אַז ס׳איז גע-וואָרן שטיל אויפן שולהויף, האָט ער זיך אַ דריי אויס געטאָן מיטן פּנים צו די לצים און זיין האַנט, אַ שמאָלע, אַ לאַנגע, האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון געלענק, איז געבליבן הענגען מיט אַזוי פיל טרויער איבער זיין אייגענעם קאָפּ. די ליפּן האָבן אי געזונגען, אי געפייפט:

הערן קאַמעראַדן,
וואָס זייט איר פאַרע לייט?

איבער צען מיילער האָבן זיך ברייט צעעפנט און דער שולהויף האָט אויפגעציטערט. פון דעם געזאַנג האָט זיך אַרויסגעהויבן דער טענצערינס קול ווי אַ פייפל, זיך צעשאָטן איבערן המונס קעפּ:

אַד יאַ, אונ׳ יאַ, אונ׳ יאַ,
מיר זינגען אונ׳ מוזיצירן,
מיר טאַנצן אונ׳ יובילירן —
מיר זענען בראַווע לייט!

דער שטאָלצנגייער האָט זיך אַ רוק געטאָן אין אַ ווינקל פון דער בויד און דאָס מויל מיטן אויסגעצויגענעם בערדל האָבן געפרעגט:

צי זייט איר ניט פון פּראָג געצויגן,
פון דער שילער זייט?

די לצים האָבן זיך גענומען וויגן אַרום דער טענצערין, וואָס האָט געקלימפּערט מיט די הענט, מיט די פיס, און אירע אויגן, טיפע, טונקעלע אויגן, האָבן געפלאַטערט מיט ווינטן, מיט שרפות:

אַך יאַ, אונ׳ יאַ, אונ׳ יאַ,
מיר זענען פון פּראָג געצויגן,
פון דער שילער זייט!
מיר זענען פּראָגער לצים,
מיר זענען בראַווע לייט!
— — — — — — — —
אַך יאַ, אונ׳ יאַ, אונ׳ יאַ,
מיר זענען פּראָגער לצים —
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ —

דער המון, וואָס האָט מיטגעזונגען, איז אַ פּאַל געטאָן אויף קריק. דער המון האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר דער טענצערין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איינעם צום צווייטן מיטן צימבעלע. זי האָט געלאַכט מיט די ווייסע ציין, מיט די אויגן, מיטן לענגלעכן פּנים, וואָס איז געווען גלאַטיק ווי טונקעלע איילבירטן. פון אַלע זייטן זענען געפלויגן מטבעות, געפאַלן אין צימבעלע אַריין.

— ווי הייסט זי, די טענצערין?

— רויזע בין איך גענאַנט, וואַרפט אין צימבל, וואַרפט אין דער האַנט

— האָט די טענצערין אַ שאָס געטאָן מיט די אויגן, אַז אפילו באַיאַרטע

מאַנצבילן האָבן געשמייכלט אין די אייגענע בערד אַריין און פון גרויס פרייד האָבן זייערע בייכיקע היטלען, ווי גלעקער, זיך אַזש צעטרייסלט.

— רויזלין, זינג עפּעס!

— זינג דאָס ליד: „עס ליגט איין שלאָס אין עסטערייך״!

— מיד, מיד, מיינע הערן — האָט רויזע פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אירע שווערע, שוואַצע פלעכטן זענען נאָכלעסיק געבליבן ליגן אויף די באַ־וועגלעכע אַקסל; — נאָך דער חופּה וועל איך זינגען מיט האַרפן און פלייטן, מיט פידל און פויקן.

דער ריח פון פריש געבאַקענעם אינגבער, פון געצוקערטע מאַנדל־קיכלעך האָט אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין, מיטגעבראַכט ריחות און גערוכן פון געפּרעגלטע הויזנבלאָזן, רעסעלעך און פינגערהוטן. ס׳האַרץ, אַ פאַרחלשטס, האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין מויל אַריין.

עס איז אָנגעקומען חיים בעקער, אַן אויסגעמעלטער. גלייך מען וואָלט אים נאָר וואָס פון אויוון אַרויסגענומען. נאָך אים — זיינע צוויי געזעלן. די געזעלן האָבן געטראָגן אויף די קעפּ בלעכן פריש געבעקס, זיך געאײַלט צו שמואל בעלאָסער אויף דער חתונה.

דער בעקער האָט אַ בליק געטאָן אויף דער טענצערין און איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער. די געזעלן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט גנבישע אויגן.

— וואָס פאַר גוטע זאַכן האָט איר דאָרט? — איז די טענצערין שוין געשטאַנען לעבן בעקער, האָט אַרויפגעלייגט איר קליינע, איידעלע האַנט אויף זיינער; — אַ הונגעריקע טענצערין מאָגט איר מכבד זיין!

— ס׳בעסטע און ס׳שענסטע — האָט דער בעקער זיך גענומען דרייען אַרום דער טענצערין אין אַ רעדל און פון גרויס פרייד האָט ער זי אַ נעם געטאָן פאַר דער טאַליע. — נו, מיין שיין שפּילווייבכן, מאָגן מיר איין וויַיל חתן־כלה בלייבן לאָזן און זעלבערט זיך פרייען?

די געזעלן האָבן זיך איינגעבויגן, זענען געבליבן זיצן איינגעהויערט. די טענצערין האָט גענומען פולע הענט, געשטופּט קיכלעך, הויזנבלאָזן,

פינגערהוטן, רעסעלעך אין די טאַשן, אין די פאַלדן פון איר קלייד. צווישן אירע שאַרפע, שוימיקע ציין האָט זיך געברעקלט אַ מערביק מאַנדל-קיכל, און אַ באַטעמט צינגל, אַ רויטס, האָט אַרומגעלעקט דאָס קליינע מויל.

— חיים, איין יידן-טענצל! — האָט עמעצער צוגעקלאַפּט מיט די הענט.

— איין יידן-טענצליין, חיים!

— אויפן שולהויף? — האָט אַן עלטערע יידענע געפּרואווט שטערן. קיינער האָט זיך צו איר ניט צוגעהערט.

רויזע האָט אַ הייב געטאָן ס'צימבעלע. אירע שטייפע בריסטלעך, ווי לעבעדיקע פייגל, האָבן געפלאַטערט הינטערן געפּאַסטן קלייד. זי האָט זיך גענומען רוקן מיט איין פוס אויף קריק, מיטן צווייטן האָט זי צוגעקלאַפּט. און די גלעקלעך פון אויבן, אונטן, האָבן זיך געשאָטן מיט אַ קלינג-קלאַנג, זיך געקייקלט אונטער דעם המונס פיס. אַ צאָפּ האָט זיך ביי איר צע-פלאָכטן, זיך געהויבן אויף אַ פריער און אין גאַנצן, יעדער בייג, יעדער קער, האָט אין רויזען געזונגען:

איך בין יונגעס ווייבכן,
איך האָב אַן אַלטן מאַן,
שנײַ-ווײַס איז מיין לייבכן,
מען זעט מיר גאָרניט אָן.

דער בעקער האָט זיך געהאַלטן אין איין צעזעצן, געפּאַטשט מיט די הענט אין די פיס, זיך פאַרשאָטן די אויגן מיט מעלשטויב. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דער טענצערין, וואָס האָט זיך קונציק געהאַלטן אין איין אַרויסדרייען פון אונטער זיינע הענט. דער עולם אַרום האָט גקייכט פון געלעכטער, זיך גערייצט מיט אים:

— חיים, וואָס באַקסטו? ווייסע שבת-באַרכעס?

— מאַנדל-קיכלעך?

— טאַנצן דאַרף מען קענען, חיים!

די בעקער־געזעלן מיט די בלעכן געבעקס אויף די קעפּ, מיט די ברייטע געזעסן זענען געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, און געהויבן מיט די אַקסלען צום טאַקט. פון אַ ווינקל האָט זיך אַריינגעריסן אַן עלטערע בעטלערין. זי האָט אַ הייב געטאָן מיטביידע הענט איר ביסל אָרעמקייט און מיט נאַקעטע פאַרשמאָדערטע פיס זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין טאַנץ.

און אַז די טענצערין האָט זיך געלאָזט כאַפּן פון דעם אויסגעמאַטערטן בעקער, וואָס האָט שוין ניט געהאַט קיין מראה אין פּנים, קוים געפּאָכעט מיט דער נשמה, האָט דער גאַנצער המון גענומען קלאַפּן מיט די פיס, פּאַטשן אין די הענט. אַלע האָבן מיטגעזונגען מיט רויזען:

איך בין יונגעס ווייבכן,<br>איך האָב אַן אַלטן מאַן —

די טענצערין האָט אויפגעהערט זינגען. מיט צוויי פינגער האָט זי אַ צי געטאָן איר לאַנגן צאָפּ ווי אַ פידל־בויגן, זיך קוים פאַרנייגט פאַרן עולם און אַ קלימפּער געטאָן מיט די גלעקלעך. זי איז געבליבן שטיין אויף איין פוס און אין יעדן קער פון איר בויגיקן לייב איז געווען דער קנאַל פון אַ ציטערבייטשל. די גאַלעקע ציין האָבן געלאַכט, אַרויסגעשוימט פונעם קליינעם מויל און אירע בליקן זענען געפאַלן מיט אַזאַ שוואַרצער גבורה פון איינעם אויפן צווייטן, אַז דער המון האָט זיך געהאַלטן פאַר די זייטן, פאַר די בייכער און פון די אָפענע מיילער האָט זיך געריסן, האָט זיך געקנוילט:

— ראָזלין!

— וויוואַט ראָזלין! וויוואַט!

די עלטערע יידן, די פרומערע, האָבן זיך ייִנגליש פאַרשעמט, באַהאַלטן ס'געלעכטער אין די בערד, אין די בייכער און בייכלעך, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטופּט פון די ברייטע „יופּעס”, פון די קורצע געפּאַסטע רעק. זיי האָבן זיך גענומען רוקן מיט געלאַסענע טריט, זענען אַריין ווער אין אַ געביידע, ווער אין פּאָליש, גוטמוטיק אַוועק פון די לצים, ווי זיי וואָלטן

זיך אויסגעבאַהאַלטן פון אַ זומער־רעגן, ווען צווישן די טראָפּנס שיינט די זון.

און אין דער אָפענער בויד איז זיך פאַרגאַנגען די יידנהאַרץ, ס׳פייקל האָט אונטערגעכאַפּט — אַ קלאַפּ און אַ היפּער, אַ קלאַפּ און אַ היפּער — גלייך מען וואָלט געשאָטן האָזן־ניסלעך אין קופּערנע בראָטפאַנען.

— וואו איז ער, דיין פישל? — האָט זלמן געמאָנט ביי מוישלען.

— וואו איז ער פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט מוישל געדרייט מיטן קאָפּ, געזוכט פישלען אין דער בויד.

פישל, מיט דער ציגן־מאַסקע אין ער האַנט, האָט זיך געשאַרט אַלץ טיפער אין דער בויד אַריין. ער האָט אַ שיק געטאָן די מאַסקע צווישן די אָנגעשטופּטע זעק און לאַנטעכער און איז געבליבן שטיין אַ דערשלאָגע־נער אין אַ ווינקל. זיין געמאַכטע פרייד איז אָפּגערונען פון פנים און אין די אומרואיקע אויגן, אַרום דעם פאַרקוועטשטן מויל איז געלעגן ווייטאָג און פאַרדראָס. די נכפּה האָט אים געגעסן. ער האָט געקריצט מיט די ציין, ניט געקענט הערן, ווי דער המון שאַלט און יוכצעט און אַלץ אין אים האָט זיך צערעדט:

— מ׳ווייס ניקס מיין ווי צו זינגען און צו לאַכן, צו לאַכן און צו זינ־גען — די דרשות, די קאַטאָוועסלעך, די לידער און די זינגשפּילן שרייבט ער, פישל, און דעם כבוד טון אַנדערע אָראָפּשוימען — צייטן דערלעבט! האָט אַ פּרנס אָדער אַ גביר חתונה געמאַכט, פלעגט מען אים, פישלען, רופן. און אַז מען האָט אויך פאַרבעטן די שטאָטישע „פערשטן און גראַפן״, האָט מען אים, פישלען, ניט געדאַרפט ס׳צינגל האַקן. ער האָט פאַר זיי געהאַט אַ „ראָמאַנץ״, אַ שיין ליד אָדער גאָר אַ פאָר קלוגע ווערטער און אין גלחות, אַז די שררים האָבן געעפנט מויל און אויערן, געהויבן די וויינבעכערס צום זינגער, צו פישלען, זיך אַליין צעזונגען, אַז „אַל די בעקן אָן דער וואַנט וועלן שפּרינגען און קלינגען״:

— וויוואַט, וואַגאַנט!

— וויוואַט!

— און היינט?

— היינט דאַרף מען ניקס. היינט גילטן „קורצע דרשות און לאַנגער בראַטן". היינט שרייט מען, די קעל טוט מען רייסן:

— ראַזלין! ראַזלין! וויוואַט ראַ־אַזלין!

פישל האָט צענומען די פּלאָנען פון דער הינטערשטער זייט בויד און האָט זיך לייכט אַראָפּגעגליטשט אויפן הויף. ער האָט וואוילעריש אַ שלעפּ געטאָן זיין פאַרשפּיצטן קאַפּטור איבערן שטערן, זיך שטיל צוגעפייפט און חשק געהאַט אַ שנאַפּ טאָן, וואָס ס'הערט זיך ביי די „בלאָזערס", וואו מען געפינט נאָך אַ בעלן אויף אַ קלוג וואָרט, אויף אַ הארבן פּילפּול און אפילו אויף אַ גוטן שמד־שטיק. די לצנים־כנופיה איז אים פּשוט געווען דער־ווידער.

ניט קיין הויכער. דאָס בלאַסע פּנים אַרומגענומען מיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס איז געווען געדיכט אַרום דעם קין און שיטער, כמעט אויס־געצופּט, אויף די באַקן. פישלס הענט האָבן געפירט אַ שמועס מיט זיך אַליין. אויגן הונגעריקע, שפּיזנדיקע האָבן דאַכט זיך געקנישטערט, געזוכט אַ וועג, ווי נאָך זיך אַרויסצודרייען פון צווישן די בעטלערס און יעדער וויילע געכאַפּט פון דער זייט אַ קוק אויפן המון, וואָס האָט מער ניט גע־לאַכט, נאָר געווילדעוועט פון פרייד.

קיין זאַך איז איצט פישלען ניט אָנגעגאַנגען. ניט דער וואַרעמער נאָכ־מיטאָג, וואָס האָט געבלענדט, ניט די שימחה פונעם אַנלויף, אפילו ניט די חתונה.

אַן איבעריקער האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויפן שולהויף. אַליין ניט געוואוסט, אויב פון הונגער אָדער פון עגמת־נפש נאָגט אים ס'האַרץ, און ס'לעבן איז אים געוואָרן ביטער.

— וואו ציט מען ווייטער? — איז ער געבליבן שטיין מיט צענומענע הענט, ווי אַ ציגגל צווישן וואָגשאָלן; — אפשר גאָר פאַרביטן דעם לצים־קאַפּטור אויף אַ געווינלעך היטל און פאַרבלייבן אפילו דאָ אין רעגענס־בורגער ישיבה?

פון זיך אַליין האָבן די ליפּן אָנגעהויבן זאָגן זיין אייגן ליד וועגן דעם פּראָגער בעל־תשובה און דאָס צוגעצוויקטע בערדל איז פול געוואָרן מיט שמייכל:

— — — לא אמות, איך וויל לעבן,
וויל השם־יתברך ערע געבן — — —

פון דער שמאָלער יידנגאַס איז אָנגעקומען אַ פּאַקן־טרעגער — אַ באַ־לייבטער פּאַרשוין, גרויס ווי דער לאַנגער פּריטיק. די באָרד, וואו מען האָט געקענט ציילן יעדע האָר — געלבלעך; די קורצע, דיקע פּאות — בלאָנד; די ווייסע באַקן — פאַררויטלט. און די אויגן, בלויע, גוטע, האָבן ניט אַריינגעפּאַסט אין דעם גאַנצן געשטעל, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ האָלענדער, אַן אָפּשפּרעכער, ווי אויף אַ ייד.

אויף אַ פריער האָט ער געשטעלט זיין קנאַכיקן שטעקן, וואו אויפן קאָפּשטיק, אויסגעהוילט ווי אַ געזעס, האָט מען זיך געקענט צוזעצן. ער האָט אַראָפּגענומען די אָרעמבענדער פון די אַקסלען, אַראָפּגעהאַקט דעם פּאַק און איידער ער האָט נאָך געהאַט צעלייגט די ספרים, די ביכלעך, האָט זיך שוין גענומען קלייבן אַן עולם.

אַן אומבאַקאַנטער און דאָך אַן אייגענער. אַ פרעמדער, וואָס שפּרייזט מדינה איין, מדינה אויס, וואָס איז אויסגעוואָען אַ וועלט, האָט זיך אָנגע־זען, זיך אָנגעהערט, און אַז מען זאָל זיצן מיט אים אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך, וועלן זיך די מעשיות ביי אים ניט אויסשעפּן. די לייט קומען אָן אין איינעם מיט די פייגל, וואָס קערן זיך קריק אויף זומער, צעטרייבן די ווינטערדיקע מרה־שחורה און דערציילן, ווי יידן לעבן אין צרפת, אין סטאַמבול, אין ארץ־ישראל און אפילו הינטער די הרי־חושך.

פישל האָט באַטראַכט דעם געוויקסיקן פּאַרשוין און אָנגעקוואָלן.

דער ספרים־טרעגער האָט אַ וויש געטאָן זיינע מעכטיקע ליפּ־עקן, וואָס האָבן פאַרשטעלט ס׳מויל, און ער האָט זיך צעניגונט:

— שפּאָגל ניי! שפּאָגל ניי! קומט צו לויפן און גיכער קויפן! אַ היפּשן סידור אין עברי־טייטש... ניט בלויז פאַר פרומע ווייבער, בחורות און מיידן, נאָר אויך פאַר יונגען און באַלעבאַטים, אַלע ביידן — פאַר איט־לעכן יהודי, איז ער מאַן אָדער ווייב, ווער נייערט לייענען קאָן. דרום, מיינע הערן, האַלט איך פאַר אייטל טאָרן, די אין לשון־קודש ווילן אָרן און פאַרשטייען דערין קיין וואָרט!

— גאָר וואויל געדרשנט — האָט אַ ייד אַ שטופּ געטאָן אַ צווייטן; — אים פאַרשפּאָרט שוין אַ באַלבירער ס׳צינגל צו האַקן!

— אונטער וועגנס, אויג אויף אויג, העט איך די בעגעגעניש אים מוחל געוועזן.

— אַ פּרצוף־פּנים אַ ייד פאַרגינט זיך!

— „ראָמאַנצן" איז זיי ווייניק — האָט דער רעגענסבורגער שוחט אַ בלעטער געטאָן מיטן חלף־נאָגל אַ סידור; — דרוקט מען שוין תפילות אויך אין „לשון אשכנז". ווער דאַרף עס, ווער?

— וואו, זאָגט איר, איז עס געדרוקט? — האָט איינער אונטערגע־טראָגן דעם מוכר־ספרים אַן אָפענעם סידור; — אויפן שער־בלאַט איז דער דרוק ניט אָנגעגעבן.

— וואו געדרוקט? — האָבן די בלויע אויגן ביים מוכר־ספרים זיך צע־לאַכט; — איר פאַרשטייט, פעטער ליב, עס דריקט מיך, דרום דרוק איך. וואָס מיך דריקט, איז השם־יתברך באַקאַנט, יוסף בן טענהויזן בין איך געגאַנט.

— וואָס רעדט איר מיט די „לומדים"? — האָט אַן עלטערע יידענע אַ כאַפּ געטאָן דעם מוכר־ספרים פאַרן אָרבל; — די לייט װעלן סיי ווי סיי ניקס קויפן! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איר האָט זיך עולם־הבא געקויפט! מיט אייער סידור וועט יעדע אשה, וואָס נאָר לייענען קען, ניט בלויז ווערן אַ זאָגערין, נייערט אויך אַ שטיק חזן! מען וועט מיין ניט טאַפּן אין דער פינצטער, זיך בעטן ביי מאַנספאַרשוינען: „וואו האַלט מען, וואו האַלט

מען, וואו ? האוחז ביד — כ׳בין מיד און מאַט״. — איז וויפל, זאָגט איר, קאָסט אַזאַ סידור ?

דער מוכר־ספרים האָט זיך כמעט ניט צוגעהערט צו דער יידענע. ער האָט געקוקט דעם עולם אויף די פינגער, געוואוסט, אַז אַ סידור קען מען אויך אונטערשלאָגן, און פאַר איין וועג גערעדט זיינס:

— ס׳איז אַ סידור פאַר אַ גאַנץ יאָר, וואויל פאַרטייטשט און באַשייד־לעך, דרום קומט און קויפט, ווייבלעך און מיידלעך, אַנדערש וועט איר די סידורים פאַרזוימען, דען זיי וואַקסן ניט אויף קיין בוימען — אויך איז דער סידור ניט צו טייער, אום איין קראָנע איז ער אייער!

— צו טייער! צו טייער!

— וואָס איז עס? אבנים טובות? איידל־געשטיין?

— אויף דער סחורה איז נאָך, קיין עין־הרע, אַ זול!

— פאַר אַ האַלבן מקח קען מען עס קריגן!

— געהערט? איין קראָ־אָנע!?

— איין קראָנע איז צו טייער? — האָט דער מוכר־ספרים זיך אַזוי צע־לאַכט, אַז די האָר פון זיין באָרד זענען זיך צעפלויגן; — דער סידור איז אַ מציעה צען, איר וועט עס זעלבסט זען, ווען איר עס פאַרגלייכט מיט אַן אַנדער סידור. עס איז אַזאַ גרויסער אונטערשייד, אַז צווישן איינעם אַלטן ווייב און איינער יונגען מייד!

— גוט! גוט! — האָט פישל געוויזן אויפן סידור; — מיט אַזאַ „יונגער מויד״ פאַרשפּאָרט מען צו זינדיקן!

— איר רעדט דאָך אייטל ניבול־פה! — האָט דער פּאַקן־טרעגער באַ־טראַכט פישלס הילוך.

— ר׳איז פון די לצים — האָט עמעצער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט.

— אויב אַזוי — האָט דער מוכר־ספרים אָפּגעווישט די הענט אַן דער באָרד, — האָב איך פאַר אייך סחורה, וועלשער סחורה, מען דאַרף אָבער זיין אַ מבין.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ זייטיקער קעשענע אַ פּעקל בלעטער,



ייד פון דרום-מערב-דייטשלאנד / אנהייב זיבעצעטער יארהונדערט

וואו די געשריבענע קונטרסים זענען שוין געווען איינגעניית, נאָר אָן טאָוולען.

— קוקט אַ כתב! ס׳ווערט ליכטיק אין די אויגן! געבראָכן אָדער דיק מעשׂיט קען זיך מיט אַזאַ געשריפטס קיין מאָל ניט פאַרגלייכן! ווייסט איר, ווער דאָס האָט איבערגעשריבן? גימפּל סופר בכבודו ובעצמו — אַ מייסטער, וואָס די וועלט טוט מיט אים שמען!

— כ׳קען אים.

— קענט איר אויך גימפּלס שוואָגער, אליהו בחור, דער וואָס האָט דאָס וועלשע „בבאָ-בוך" אין טייטש געבראַכט?

— אליע איז דאָך אין ווענעדיק — איז פישל געוואָרן אויפגערוימטער;

— זיין פּאַטער, אשר אוים איפשהיים, האָט מיט מיר דיקדוק געלערנט, און זיין מוטער הינדלין — אויף מאה פּרסאות אַרום נירענבערג איז אַזאַ קאַטאָוועס-טרייבערין ניט געווען!

— אויב איר קענט יאָ די גאַנצע משפּחה, — האָט דער פּאַקן-טרעגער צוגעטראָגן פישלען ס׳פּעקל בלעטער; — זעט, טאָמער איז עס פאַר אייך סחורה?

פישל האָט געלייענט מיטן טראָפּ:

— „אַ שיינע מעשׂה פון קיניג אַרטיש הויף / ווי ער זיך אין זיינעם קי-ניגרייך האָט טאָן פירן / און וואָס ער האָט געהאַט פאַרע מאַנירן / און פון דעם באַרימטן ריטער ווידואווילד דעם שטרייטבאַרן העלד / גאָר שיין אין ריים געשטעלט".

— דאָס האָב איך אין צוויי כתב-ידן — האָט פישל אים קריקגעגעבן די „מעשׂה פון קיניג אַרטיש הויף".

מוישל קראָקער איז אונטערגעקומען. נאָך אים — זלמן. מוישל האָט אַ נעם געטאָן פישלען פאַר אַן אַקסל, וואוילעריש געקוקט אויף אים. מוישלס אויג-אַפּלען האָבן זיך אַזוי געפּלעמלט, אַז זענען פאַרלאָפן מיט אַ ניט זיכער געלעכטערל, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן:

— פישל, דערקענסט שוין קיין באַקאַנטע ניט?

— אַ, אַ, מוישל — האָט פֿישל גענומען אַרומדרייען דעם פֿופֿציק־יעריקן בחור ווי אַ טרענדל, אַז דער אַרומיקער עולם האָט אַנגעקוואָלן; — נאָך אַלץ אַ בחור, בתולה מיינע? קום אַהער, מוישל, גיב אַ האַנט, לאָמיר זיך צעקושן! אַ קלאָג אויף דיר, שעמסט זיך? — און פֿישל האָט אַנגעוויזן אויף אַ יונג מיידל, וואָס איז געשטאַנען מיט אירע חברטעס; — צעקוש איך זיך מיט איר!

די מיידלעך האָבן זיך פֿאַרשטעלט מיט די הענט די מיילער, זיך צע־נויפֿגעשטופּט ווי לעמלעך און מיט אַ פֿאַרשטיקט געלעכטער, מיט אַ קוויטש זיך געלאָזט איבער דער גאַס.

— האָסט נאָך אַלץ ניט פֿאַרגעסן דיינע הלצות, פֿישל? — האָט מוישל געשעפּט נחת, געהאַט אויף דער צונג אַלע ישיבות, וואו ביידע האָבן זיך געוואַלגערט.

— כ׳בין נאָך אַלץ אַ בעלן אויף אַ שיין פּולציל און אויף אַן אָרענט־לעכן זויף — האָט פֿישל זיך אַרומגעקוקט, אויב ער האָט אַרום זיך אַן עולם. — פֿאַראַן ביי אייך אַ האַרבעריק, וואו מען קען אַ שיכור טאָן?

— אין „גילדענעם הערש" ביי מיכלן קריגסטו פֿון כל טוב — האָט מוישל אַ שלעפּ געטאָן זלמנען, וואָס איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פֿיס ווי אַ צעגליטע צוואַנג; — אַ חבר מיינער, שרייבט קאַטאָוועסלעך מיט פּעפּער און אינגבער.

— זאָג: אַ קאַמעראַד — האָט פֿישל אַריינגעשטעקט דעם בחורל אַ האַנט, הנאה געהאַט, וואָס ער רויטלט זיך ווי אַ מיידל.

— איז וואָס העט איך גערן זאָגן? — האָט מוישל אַ נעם געטאָן די באָרד ווי ביי אַ שווערער סוגיאָ; — ווייסט, פֿישל, אונדזער לייב מרע־גענסבורג האָט צוגעגרייט אַ שפּאָגל נייע מעשה פֿון קיניג דודס הויף.

— דער לייב אייערער, דער נבזיק, דער זויפֿער? — איז פֿישל אויפֿן אָרט אַריין אין כעס; — מאָג ער אפֿילו מגולגל ווערן אין אַ שמואל־זינגער, אין קוזי׳ן, אין אַ קאַפּהאָן, וועט ער אַלץ ניט אָנשרייבן קיין „דיטריך פֿון בערן", קיין „געזעלן הילדעבראַנט". אויך ניט אַזאַ וואונדער שיינע און

טרויעריקע געשיכטע ווי „ריטער זיגמונד און זיין געליבטע מאַגעלאָנע“. דעם לייבס שרייבערייען זענען גוט פאַר זקנים, פאַר אַלטע, פרומע ווייבער און פאַר רכילות-טרייבער!

— גוט, ניט גוט — האָט מוישל איינגעשלונגען די ווערטער, גערעדט מיט פישלען אַזוי שנעל און אַזוי אַנדערש, אַז אַ רעגענסבורגער וואָלט אַלץ ניט פאַרשטאַנען; — כ'האָב אָבער אַליין געהערט פון אונדזער ראש-ישיבה, אַז ביי בעלאַסערן אויף דער חתונה וועט מען בלויז געטלעכע שמועות זינגען און זאָגן. דער ראש-ישיבה האָט בפירוש געזאָגט, אַז ניט „דיטריך פון בערן“, אויך ניט „דאָס שיינע גליק“, וואָס איז אייטל זנות און ניבול-פה!

— שקר! ס'איז שקר וכזב! — האָט פישל פאַרקוועטשט די פויסטן.

— ווער איז דער ראש-ישיבה אייערער?

— דער „מגן-דוד“.

— אַ, דער ספרדי? וואָס רעדט יידיש ווי להבדיל אַ גוי? כ'קען אים, כ'קען אים נאָך פון פּראָג! כ'קען אויך זיין יחוס — מיטן רמב"ן איז ער זיך מתיחס — האָט פישל אַ קנייטש געטאָן דעם שפּיציקן קאַפּטור. — און ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלן? אַז די ספרדים האָבן אונדז אַש-כנזים פיינט, האָבן פיינט אונדזער לשון! אָנגעבלאָזענע גאוותנים! איך האַלט, אַז אונדזערע „חסידי אשכנז“ זענען שענערע און גרעסערע יידן ווי זייערע גדולים!

— דאָס זאָג איך אויך — האָט זלמן זיך אַריינגעמישט; — טון זיך איבערנעמען מיט זייער „פילוסופיה“! אויך אונדזער ראש-ישיבה, אַז ער צערעדט זיך, ווייס איך ניט פון וועם ער האַלט מיין — פון „תורת אַרים-טאָטל“ אָדער פון „תורת משה“. און ביי מיר, אין פאַרגלייך מיט זייערע אַלע גדולים, איז איין רש"י מער שקול און מער חשוב.

— ער רעדט דאָך קלוגע רייד, דער בחור! אַ יאָר אויף מיר, ווי גע-רעכט ער איז! — האָט פישל אַ נעם געטאָן זלמנען פאַרן קין. — לויט דעם דבור ביסטו פון די „בני חית“, וואָס; אַ ווינער? אַ ניישטעטער?

— פאַר וואָס פון די „בני־חית“? — האָט זלמן געשמייכלט.

— ווערסט דיך ניט אויסבאַהאַלטן, כ׳דערקען אייך נייעשטעטער אַן לשון. נו, לאָמיר הערן, זאָג: אַפּמעקן.

— אַפּמחקן.

אַלע דריי האָבן זיך צעלאַכט.

— אויב אַזוי — איז מוישל געוואָרן אויפגערוימטער; — אויב מיין חבר, זלמן הייסט ער, געפעלט דיר, האָב איך פאַר דיר, פישל, אַ שטיקל משא־ומתן. אַ זינגשפּיל האָט ער אָנגעשריבן, קען מען פאַר מלכים זיך מיט איר ווייזן!

— שווייגט ער, דער טראָפּ — האָט פישל צוגעלייגט אַ פינגער צו מוישלס בויך, אים אַ קיצל געטאָן; — ווי הייסט די שפּיל?

— אמנון און תמר — האָט זלמנען אויסגעפעלט אָטעם.

— האָסטו זי מיט דיר?

— יאָ.

— ציען מיר אין האַרבעריק, געגאַנגען! וואַרט, וואַרט — האָט פישל זיך אַ דריי געטאָן צו דער בויד, זיך אַ צעפּיפּט, אַ צעשריען; — רויזע! רוי־זע!

— כ׳גיי, כ׳גיי — איז די טענצערין אָנגעלאָפן.

— ראשית, זייט באַקאַנט — האָט פישל אַן אויפגערוימטער פאַרגע־שטעלט די בחרים; — קאַמעראַדן איינער און דער צווייטער. און דאָס איז רויזע. אַצונדערט, רויזע, מיט קאָפּ. דאָס בחורל האָט אָנגעשריבן אַ שפּיל, הייסט זי „אמנון און תמר“. ציען מיר אין האַרבעריק, מיר וועלן איבער־כאַפּן די הערצער און ער וועט פאַר אונדז אַ לייען טאָן. נו, קום, תמר מיינע!

— איך — מיטן „שרייבער“ — האָט רויזע זיך אַ שטעל געטאָן לעבן זלמנען.

— ער געפעלט דיר?

— נאָך ווי! — האָט די טענצערין אים שוין געהאַלטן געאָרעמט.

— רויזע, הער אויף דיינע חצופה־שטיק — האָט פישל זיך אַ בייג געטאָן צו איר; — דעם בחור לאָז אָפּ, אַזיסט וועט מען אים פון רעגענסבורג משלח זיין!

— דיר אויף צו פלאַצעניש גיי איך מיט אים! — האָט רויזע זיך צעלאַכט און אין מיטן גאַס אַרומגעכאַפּט זלמנען.

זלמן האָט זיך אַרויסגעדרייט פון רויזעס הענט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, זיך באַגעגנט מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן און ס'פּנים זיינס איז געבליבן אָן מראה, בלויז די פאות האָבן געפלאַמט.

האַרט ביי דער יידן־פּאָרט האָט פון אַן אָפן פענצטער אַרויסגעקוקט אַ פרוי, אין שוואַרצן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די עלנבויגנס, אַרויסגעבויגן דעם אייבערשטן האַלבן קערפּער, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון דער דרייעקיקער שילד, וואָס איז געווען צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט.

פישל האָט אַראָפּגעלייענט פון דער שילד:

פרוי לאַפּעץ

דאָקטאָרין פון דער פרייען קונסט

דער אַרצניי

וואוינהאַפּטיק צו רעגענסבורג

און זיך פאַרנייגט:

— איך, פרוי דאָקטערין, בין לץ און דאָס שיינע מענטש — האָט ער געוויזן אויף רויזען — איז שפּילוויייב.

— און דאָס בחורל מיט די רויטע פאות? — האָט די דאָקטערין אַ וויג געטאָן מיט די בורשטינענע אוירינג, וואָס האָבן אָנגערירט די אַקסלען.

— דאָס בחורל? — האָט פישל געשמייכלט; — דאָס בחורל זוכט אולינט־וואָרצל, האַלדערשוואָס.

— וואָס, ער העט גערן מיט כישוף דאָס שפּילוויייב באַקומען?

— יאָ, קעסטליבע דאָקטערין!

— ער וועט ניקס באַקומען — האָט רויזע אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג.

— גוט, שפּילווייב, גוט — האָט די דאָקטערין זיך צעלאַכט; — און וואו האָט איר נאַכטלאָג?

— אונטערן פרייען הימל — האָט פישל אַ הייב געטאָן די אויגן.

— פאַר אַ צוויי, דריי אירע האָב איך נאַכטלאָג.

— אַ דאַנק, אַ שייענם דאַנק — האָט פישל זיך טיף פאַרנייגט; — נון וועלן מיר אַ ווייל די פרוי דאָקטערין בלייבן לאָזן און ציען אין הארבעריק, וואָס אין „גילדענעם הערש".

ביים הויז פון „גילדענעם הערש״, וואָס איז געשטאַנען לעבן טויער פון דער יידנגאַס, האָט די לופט אַ זעץ געטאָן מיט ביר, בראָנפן און ווייַן. דריי גליטשיקע טרעפּלעך האָבן געפירט אין אַ קעלערשטוב, וואו דער האַרבערִיק איז געווען. אין פייכטן, פינצטערן פעדערהויז האָט פישל אָפּגעשטעלט מוישל קראָקער און אים אַ נעם געטאָן פאַר דער פליישיקער טאַליע:

— געשוואוירענער זויפברודער מייַנער, אַז דאָ אַ גוט קריגל ברייהאַן באַקומט מען, דאָס האָב איך שוין מיט מייַן חוטם דערשנאַפּט. כ׳העט נאָר גערן וויסן, אויב דו איין רייכסטאָלער האָסט. דען איך, קאַמעראַד, בין, רחמנא לצלן, אַ היפּשער דלפון!

— און איך, ברודער ליב, בין נאָך אַ גרעסערער — האָט מוישל אין דער פינצטער אַ הייב געטאָן די עלנבויגנס ווי אַ פלעדערמויז די פלעדערן, געוויזן, אַז די טאַשן זענען בייַ אים ליידיק.

— קאַמעראַדן, איר האָט קיין ממון ניט? איך האָב! — איז אַנגעלאָפן די טענצערין און האָט מיט אימפּעט אָן עפן געטאָן די טיר, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָגן ווי אין אַ פּויק, און איז קריקגעשפרונגען.

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ פּאַרשוין, דאַר און הויך. די ליפּן — רויט און פליישיק. די באָרד און די אויגן — שוואַרץ ווי ביי אַ גזלן.

— וואָס פּאַר איין בהלה? וואָס פּאַר איין געלויף? — האָט דער פּאַר־שוין מיט רוגזה צוריקגעשליידערט די טיר און אָפּגעמאָסטן די פיר אירע, אַז זיי האָבן זיך געגומען רוקן אויף הינטערווייַלעכס.

דעם פּרעמדנס פינצטערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פריער אויף מוישלען, דערנאָך אויף דער טענצערין, און זיין כעס האָט זיך אויפן אָרט געשטילט. ער האָט זיך פון געוואוינהייט אַ טאַפּ געטאָן ביי די טאַשן, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, דערנאָך האָט ער געוויזן מיט אַ פינגער אויף דער טענצערין און געזאָגט צו מוישל קראָקער:

— ווער איז זי? דאָס פּראָגער שפּילווייב?

— איר האָט געטראָפן, זאַקסע — האָט מוישל, וואָס האָט ליב געהאַט משמש צו זיין גבירים, אַנגעקוואַלן.

— און דער? — האָט זאַקסע געוויזן אויף פישלען און גערעדט האָט ער שוין צו דער טענצערין; — דער האָט מער אָנבליק אויף אַ וואַנדער־בחור ווי אויף אַ לץ.

— ווידער געטראָפן — און מוישל האָט פישלען איינגערוימט אין אויער אַריין: ער מיסחרט מיט אבנים־טובות, מיט שיינע חפצים פון איידל־געשטיין. קוק אויף זיינע טאַשן, וואָס זענען אָנגעשטעקט מיט „יובלא־טאַציע”. רייך ווי קורח און אַ גרויסער בעלן אויף אַ מיידלין, אויף אַ ווייבלין.

— אויב איר האָט יאָ געטראָפן, דאָס איך איין וואַנדער־בחור בין — האָט זיך פישל מיט דער גאַנצער חוצפה פון אַ לץ אַ שטעל געטאָן דעם רעגענסבורגער גביר אין פּנים אַריין; — זאָגט שוין מיר צו מיט הענט און מויל אויסצוהערן אַ שטיקל „פּילפּול” פון אַ וואַנדער־בחור, אַ דלפון, וואָס וויל זיך שיכור זויפן און קיין פּרוטה ביי דער נשמה האָט ער ניט.

— אָן הקדמות, לץ, אָן הקדמות — האָט דער רעגענסבורגער גביר גע־

וואוסט, אַז דאָ קומט אַן הלצה אויף זיין חשבון. — וואו איז דער „פּילפּול“ דיינער?

פישל האָט אויפגעטורעמט דעם פאַרשפּיצטן קאַפּטור, אָנגעשטעלט די גראָבע פינגער פוןביידע הענט, ווי דם־שונאים, וואָס רייסן זיך איינער צום צווייטן, און זיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַרע פּילפּול העט איר גערן? איין רעגענסבורגער אָדער איין נירענבערגער?

— אַ רעגענסבורגער! אַ רעגענסבורגער!

— עס איז דאָך אַ בפירושע גמרא — האָט פישל אָנגעהויבן; — דאָס פורים איין יום־טוב איז. שטעלן זיך אַוועק די „חכמי־רעגענסבורג“ און טון אַ האַרבע קשיא פרעגן: אויב פורים איין יום־טוב איז און ר׳ יודא חסיד זאָגט דאָך, דאָס קידוש אין איין יום־טוב אַ חוב איז, היינט וואו האָט דלפון גענומען וויין אויף קידוש? אַי, וועט קומען אַ פראַגער לץ און ענטפערן, אַז דלפון האָט געליען געלט אויף וויין, בלייבט דאָך ווייטער אַן אייזערנע קשיא: וואָס פאַר איין שוטה העט עם באָרגן געלט זאָ איין דלפון? איז אָבער געקומען ר׳ טראָף, זכותו יגון ואנחה, און געענטפערט, דאָס לעולם איז פורים איין יום־טוב. אַי, וואָס פאַר איין שוטה העט עס באָרגן געלט אויף וויין? איז דער תירוץ — דלפונס ברודער, ויזתא —

— וואָס טרינקען מיר? ביר? — האָט רויזע אַזוי אַרומגעכאַפּט פישלען, אַז ס׳האָט אים פאַרפעלט אָטעם צו ענדיקן דעם „פּילפּול“.

— איר וועט שוין היינט ביי מיר וויין זויפן! — האָט דער רעגענסבורגער גביר אַ געשריי געטאָן צום בעל־אכסניה. — מיכל, צוויי קרוגן זויערן און אַ קריגל זיסן, אָבער תיכף!

— און פרעסן אויך! — האָט רויזע אַזאַ לאַך געטאָן דעם גביר אין פּנים אַריין, אַז ער איז פון גרויס פרייד גרייט געווען צו שענקען דער טענצערין אַן אָרעמבאַנד.

זלמן האָט זיך געערגערט, וואָס ס׳האָט זיך אַריינגעמישט אַ ווילד־

פרעמדער, שאַרט זיך צו דער טענצערין און דערוויל האָבן אַלע פאַרגעסן אָן זיין זינגשפּיל.

קיינער האָט זיך מער ניט אומגעקוקט אויפן בחורל.

די טרינקשטוב, אַ פּירעקיקע, מיט הילצערנע זיילן, איז כמעט געווען ליידיק. ביים גרויסן ליימענעם אויוון, וואָס איז געשטאַנען אין דער מיט אכסניה, זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף לאַנגע בענק עטלעכע פורלייט. די מיילער אָפן, די בערד פאַררים. פליגן זענען געזעסן אויף די מגושמדיקע פנימער, געשמאַק געשפּונען מיט די פּיסלעך, מיט די שנעבעלעך. די פליגן האָבן זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר דעם שנאָרכן, וואָס האָט זיך גע־טראָגן דאָ פון אַ בויך, דאָ פון אַ גרגרת.

דערלעבן, אין אַ גרויסער, הילצערנער שטייג, האָבן זיך אַרומגעדרייט דריי געקראָפּטע גענדז. אַלע אויגנבליק האָט אַן אַנדערע גאַנדז צענומען די פליגל מיט אַ געקלאַפּעריי, אויפגעהויבן אַ געשטויב, און אין דער טרינק־שטוב האָבן זיך געדרייט שאָלעכץ פון האָבער, פעדערן און ביי־פעדערלעך.

אין איין ווינקל זענען געזעסן עטלעכע פאַרשוין, ווער איבער אַ קריגל ביר, ווער איבער אַ שיסל געקעכץ. אין אַ צווייטן ווינקל — אַ „פּאַטשטאַ־ליאָן”, אָנגעשפּאַרט אויפן הענטל פון זיין שווערד, וואָס איז געווען גרע־סער פון אים. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי צוויי חברה־לייט האָבן געשפּילט ווערפל.

דער ווירט פון דער אכסניה האָט געהאַלטן אין מויל אַ הילצערנעם שפּונט און פון אַ בייכיקער פאַס האָט זיך דער וויין געצאַפּט אין אַ גיס־פעסל און פון גיספעסל מיט אַ בולבעריי אין אַ צינערנער קרוג. מיט די אויגן, מיטן שפּונט האָט מיכל געוואונקען צום ווייב, וואָס איז געזעסן מיט אַן אָפּגעדעקטער ברוסט אויף אַ הימלבעט אָן פאַרהאַנגען. זי האָט געזויגן אַ קינד. ס׳פּיצעלע איז צוגעפאַלן צו דער מוטער מיטן קליינעם מויל און פון גרויס תענוג געקנאַטן די ברוסט מיט די פויסטלעך, ווי מען קנעט

אַ גוט אויפגעוויירן טייגל. די מוטער האָט אַ ריס געטאָן פון זיך ס׳קינד און עס געלאָזט ליגן מיט אַ געוויין אין הימלבעט.

אַ געזונטע, אַ באָרוועסע, האָט זי געכאַפּט די שוימיקע קרוגן וויין, פאַרגעסן צו פאַרקנעפּלען ס׳קלייד און מיט אַ טראָט, וואָס וויגט זיך, האָט זי זיך געלאָזט צום טיש, וואו די געסט זענען געזעסן. אַרום די אָפענע קנעפּלעך האָט זיך ס׳קלייד געפעלדלט, געקנייטשט, אָפּגעדעקט ס׳ברוסטוואָרצעלע, אַ שטייפס, אַ צוגעברוינטס, וואָס האָט אַרויסגעשימערט פון ווייסן, ווייכן לייב ווי אַן אויסגעבאַקענע ראָזשינקע.

— און וואָס זאָגסטו אויף זאַ איין פּיטום? האָט מוישל אַ שטויס געטאָן פישלען און זיך צעלאַכט אין אַרבל אַריין.

— ביים אַפּ, דאָ נאַרישער טראָפּ! — האָט פישל אַ זופּ געטאָן פון דער קרוג און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער באַלעבאָסטעס. — ווי שיקט עס זיך, ווירטין ליב, מען זאָל אין אַ יידישער טרינקשטוב פלייש מיט מילך מישן?

— גאָט באַהיט, מיין הער — האָט זי געעפנט אַ פּאָר גרויסע, פאַרצערטע אויגן ווי ביי אַ קו, ווען מען דאַרף זי אויסמעלקן.

— און דאָס וואָס איז? — האָט פישל געוויזן אויפן אָפּגעדעקטן וואָרצעלע, וואו טראָפּנס מילך האָבן זיך געשפּאַרט; — איז דאָס ניט פלייש מיט מילך?

מוישל האָט אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ שעפּסן געלעכטער. דער רעגענסבורגער גביר האָט זיך געבויגן איבערן טיש, ניט געלאַכט, נאָר געגאָסן מיט טרערן. ער איז זיך פאַרגאַנגען מיט אַ בויך־קול:

— אַי, גוט! אַי, גוט!

די טענצערין האָט אַ כאַפּ געטאָן פישלען פאַר איין אויער, פאַרן צווייטן זיך אָנגענומען פאַר איר מין:

— פישלכן מיט זיינע ביבערייען! דו נבזה, דו! קוק, ווי דאָס מענטש רייטלט זיך!

די ווירטין איז געשטאַנען אַ פאַרפלאָמטע. זי האָט געשפּיליעט ס׳קלייד,

וואָס האָט זיך ניט געוואָלט פאַרקנעפּלען, און איז ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער:

— איז מען קיין זולל־וסובא!

— און קיין דבר־אחר אויך ניט! — האָט די טענצערין אַרויסגעהאָלפן.

— און מען פרעסט ניט פליש מיט מילך, ווי אַ גוי־גמור — איז די ווירטין געוואָרן רעדעוודיקער.

— און אַז ס'ווילט זיך פרעסן, ווירטין ליב?

— פרעסט מען אַ שטיקל געבראָטענע הון, אַ שטיקל גאַנדז — האָבן זיך די טונקעלע אויגן ביי דער ווירטין צעשפילט. — קיין הונגעריקן פונעם „גילדענעם הערש" וועט מען אייך ניט אַרויסלאָזן. איז וואָס, מיינע הערן, געבן?

— על חשבון הגביר, על חשבון — האָט פישל געוויזן אויף זאַקסען — אַ געבראָטענע גאַנדז!

זאַקסע האָט זיך נאָך אַלץ געווישט די פאַרטרערטע אויגן און אַריינגערעדט אין דער טענצערין, איר דערציילט, אַז ער האָט אַ „פּיסל" ביים קורפירשט אין הויף, אַז ער איז ליוועראַנט, שטעלט צו אין פּאַלאַץ אַריין איידלשטיינער, אַז ער קען זי, די טענצערין, אויך אַהין אַריינדרייען.

— איז וואָס זאָגט איר, ר' לעמלין זאַקסע? — איז די ווירטין ניט איינגעשטאַנען, האָט געוואָלט צולויפן צום קינד, וואָס האָט זיך ניט אויפגעהערט רייסן; — געבן אַ גענדזל?

— אַז די לצים האָבן געגרן איין גענדזל, איז ניקס צו מאַכן — האָט לעמלין אויסגעטרונקען אַ בעכער וויין און איז געבליבן זיצן אַ צעגאַרטלטער.

— זעט, פּראָגער לייט, פאַרשעמט ניט רעגענסבורג! שוין אַ וואָך ווי גבירים־אדירים, ווי רבנים טון פון גאַנץ אשכנז אויף דער חתונה ציען!

די פרישע גאַנדז האָט פאַרשמעקט די טרינקשטוב און דער עולם האָט גענומען שניפּן מיט די נאָזליגל. פישל האָט מיט די פינגער אויסגעקלאַפּט אין טיש דעם מתים־טאַנץ־ניגון און שטיל, גאַר שטיל, זיך געבעטן ביי רויזען:

מיך שרעקט ניט די וועלט, נאָר יענע וועלט,
מיין פייל איז הונגער, נויט און קעלט.
שיס פון דיין בויגן אַ גרימיק פייל
און שיק מיך וועק אין גן־עדן מיט אייל.

רויזע האָט זיך איינגעביסן מיט אַלע ציין אין דער צוגעברוינטער געגדזענער הויט און אים נאָך שטילער געענטפערט:

דער גן־עדן איז פול מיט זאַלבע ווי דו,
מוזסט אויסן בלייבן — פאַר דיר קיין רו.
אויב דיר איז קאַלט ביים לעבן, מיין שאַץ:
אין הייסן גיהנום — דאָרט איז דיין פּלאַץ!

איינער פון די צוויי פאַרשוין, וואָס האָבן געשפּילט ווערפל, איז אַרויס־געגאַנגען. דער צווייטער האָט זיך אַ שטעל געטאָן, שטייפער פאַרצויגן אַרום זיך דעם לויזן מאַנטל, שמעלער געמאַכט די אַקסלען. ער האָט מיטביידע פויסטן אַ קלאַפּ געטאָן, וואָס כח נאָר, איבערן טיש, אַז די ליידיקע קרוגן האָבן אונטערגעשפּרונגען. ער האָט אַ צי געטאָן דאָס געגאָלטע, צעקנייטשטע פּנים און פונעם אָפענעם מויל זענען געפאַלן ווערטער אין גלחות ווי אַ מלחמה־רוף:

Meum est propositum in taberna mori.

— רויזע, אַ קאַמעראַד — האָט פישל זיך אויפגעשטעלט; מיר מאָגן אים צו אונדזער טיש פאַרבעטן!

פישל איז פלינק אַרויס פון הינטערן טיש און האָט זיך פאַרנייגט:

— אין נאָמען פון די ניין מוזען, קאַמעראַד —

— וואָס פאַרלאָזן אונדז ניט יאָקולאַטאָרן, די געטרייע דינער פונעם אמתן וואָרט — האָט דער פרעמדער געענטפערט.

— באַער און באַשיין, קאַמעראַד, אונדזער טיש. וואָס פינקלט מיט וויין, שמעקט מיט געבראָטענער גאַנדז —

— אַ פּאָעט זאָג איך ניקס אָפּ — האָט דער פרעמדער אַ נעם געטאָן פּישלען פּאַר אַ האַנט; — כ׳גיי גערן מיט דיר, קאַמעראַד.

דער פאַרשוין האָט זיך ניט געלאָזט בעטן. ער האָט אויפגעהויבן ס׳גלאָז וויין, וואָס מ׳האָט אים דערלאַנגט, און זיך אַ בייג געטאָן צו דער טענצערין:

— פּאַר דיין געזונט, שיין שפּילווייב, די איינציקע פרייד אין אונדזער וואַנדער־לעבן. פּאַר דיין געזונט — — כ׳טרינק אויך פּאַר מיין קליין שוועסטערלס געזונט, פּאַר סאַבינעס, וואָס כ׳האָב פון קלויסטער אַרויס־גענומען און אין איין הורנהויז זי אַריינגעגעבן. אין קלויסטער איז מיין שוועסטערל געוואָרן אַ הור און דערצו אַ הייליקע געבליבן. אין הורנהויז, וואו מען שלאָגט זי און מען גיט ניקס צו עסן, וועט זי, האָף איך, חרטה באַקומען. לאָמיר אַלע טרינקען פאַר איר געזונט! וויוואַט, קאַמעראַדן!

— וויוואַט! וויוואַט! — האָבן גלעזער און קרוגן געקלימפּערט.

די יידנגאַס האָט זיך גלייך דערוואוסט, אַז דער רייכער לעמלין זאַקסע, דער ניט באַצאָלטער שינפּעראָ, זיצט אין טרינקשטוב, וואָס אין „גילדענעם הערש״ און טוט טראַקטירן און וואויל אַקאָמאָדירן די פּראָגער לצים.

די נייס האָט געוואַנדערט איבער די הילצערנע הייזער, דערגרייכט לעמלינס מויער, וואו רייכע, פֿאַרמעגלעכע און געמיינע שכנים זענען גע־שטאַנען האַלב אָנגעטאָן אין די אָפֿענע טירן און האָבן געהאַלטן ווער אַ זיידן קלייד, ווער אַ סאַמעטענעם מאַנטל אָן אַרבל, ווער אַ קאָלנער געשטיקט מיט פּערל. געהייסן האָט עס — מען יישובט זיך וואָס אָנצוטאָן צו דער חופּה. אין אמתן אָבער האָט מען זיך געחידושט און אין דער שטיל זיך געערגערט, וואָס די רעגענסבורגער פּאַטראָנעסע גימכען, ר׳ שמואל בעלאַסערס ווייב, האָט נאָך דערווייל די חתונה־ביטע־רין ניט געשיקט. און דאָ איז שוין אַ שטיק נאָכמיטאָג. ס׳זאָל איר ניט אָנ־שטיין? ווייל צו דער חתונה, זאָגט מען, האָט מען שטיקערייען און טעפּי־כער אַזש פֿון סטאַמבול געבראַכט? ווייל איר מאַן, דער רעגענסבורגער פּרנס, „פּרעזענטירט זיך״ ביי פּערשטן און מלכים? ווער ווייס?

דאָס אַלץ אָבער האָט מען איבער די לעפּצן ניט געבראַכט. מען האָט אָנגעהויבן פון די פראַגער לצים, מען איז איבערגעגאַנגען צו רויזען, דעם שיינעם שפּילוויב, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרדרייט די מאַנצבילן די קעפּ. און די שכנות האָבן אויף איין פוס דורכגעוואָרפן אַ האַלבע שטאָט מיט מענטשן. די ווייבערשע מיילער, די אויגן, די שפּיץ־פינגער, אַלץ האָט געצויגן פעדעם, זיי געריסן, געקניפּלט, זיך שוין אַליין ניט געקענט אַרויס־פּלאָנטערן פון דעם שפּינוועבס, פון די רכילות און מאַטלערייען, וואָס זיי האָבן געטריבן מיט אַזאַ תענוג.

— זי קומט!

— די חופּה־ביטערין קומט!

די ווייבער האָבן זי דערקענט אין דעם קלאַפּן פון אירע קלאָצקאָרקעס. אַ געבויגענע זקנה אין אַן אַלט־פרענקישן שוואַרצן מאַנטל מיט אַ ווײַס געפּעלדלט קרײַזל אַרום דעם געראָנצלטן האַלדז. דאָס קרײַזל איז געווען צוגעשטאָכן צום מאַנטל מיט אַ צינערנער העפטעלין. זי האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיטן אַן אויסגעקרימט שטעקעלע און געעפנט אַ מויל ווי אַן אײַנגעפאַלן קבר:

— מרת גימכען, אונדזער פּאַטראָנעסע, טוט צו איר טעכטערלינס ברוילעפט ביטן.

— די זקנה האָט צעעפנט ס׳פּאַטשיילעכל מיט קליינגעלט, וואָס זי האָט געהאַלטן צווישן אירע קנאָכן־פינגער. און אַז די ווייבער האָבן אַרײַנגע־וואָרפן ווער אַ מטבע, ווער צוויי, האָט די חופּה־ביטערין געעפנט און פאַרמאַכט ס׳מויל ווי אַ שלײַען און צוגעוואונטשן יעדער איינער דעם זעלבן שפּראַך:

און ווילן זי צדקה געבן,
ווערן זי לאַנג לעבן,
מיט גאָטס הילף קינדערכער אַנטשפּויזן און׳ אויסגעבן...

די זקנה האָט אָפּגעזיפצט מיט איר אײַנגעלאָפן יראת־שמים־פּנימל און



ה א נ ס   ב ו ר ג ק מ א י ר / דייטשער ייד, אנהייב זעכצנטער יארהונדערט

געווייזן מיטן שטעקעלע אויף לעמלינס טיר, וואו אויפן ביישטידל איז גע־האָנגען אַ הילצערנע מזוזה, געשניצט ווי אַן אָרון־קודש.

— זאָ איין קצין מעכט רעגענסבורגער פּרנס ווערן און דאָס קיין בושה האָט, טוט שיכור זויפן מיט ריקים און וואַנדערווייבער.

— אונדזער לעמלין? — האָט אַ שכנה איבערגעפרעגט.

— דער דאָזיקער לעמלין, שאַנד און שפּאָט — האָט די זקנה אָנגע־הויבן מיט אַ תחינה־ניגון — און דאָס שיינע שפּילווייב אויס פּראָג, גע־לעמט זאָל זי ווערן מיט גאָטס ווילן, טון זיך לוסטיק מאַכן ביי מיכלן אין האַרבעריק.

— זאָ איין שמד־האַלדז! — האָט איינע זיך אָנגערופן.

— פאַרגעסט אַן ווייב, אַן קינדער, ווען ער איין יונגן צאַפּלדיקן קאָרפּ דערשנאַפּט! — האָט אַ צווייטע אַריינגעוואָרפן.

די שכנות האָבן זיך צוזאַמענגערוקט און די ווייבערשע צינגלעך האָבן אין דער שטיל אַוועקגערעדלט, דערציילט וואָס פאַרע מעשים־טובים לעמ־לין טוט אָפּ אין וועגעדיק, וואו ער קויפט אויף פאַרן קורפירשט קמיעות און איידלשטיינער. און ס'ווייב זיינס, רעכלין, אַזאַ אָנגעבלאָזענע גאַוותנטע, נעמט זיך דאָס איבער, שעמט זיך ניט צו דערציילן, ווי לעמ־לין שפּיגלט זיך אין איר, האַלט זי אין איין אויוורן, פּוצט און צירט זי אין זילבערנע לענדענירן, אין גאָלדענע לאַנען.

— נאָר אין וועגעדיק? — האָט אַ פלייִשיקע יידענע מיט אַ מעכטיקן פאָרנט אַ צי געטאָן די געשטריקטע שלאָפהויב איבער די בלאָנדע האָר.

— דער לעמלין טוט אויך אין רעגענסבורג מיידן און שיקסעס אַרומ־טרייבן! האָט ער קיין וויין, טוט ער איבער איין פּראָגער נאַרן־ווייב הבדלה מאַכן!

— איין היפּש ווייבלין, די רויזלין? — האָט אַ שכנה געפרעגט.

— איין ווייבלין? — האָט זיך די זקנה באַליידיקט פאַרן ווייבלעכן גע־שלעכט. — דאָס פּראָגער שפּילווייב איז איין שובקאַר.

די ווייבער מיט די פרומע פּנימער, וואָס האָבן געהאַלטן אין זאָגן

מוסר, האָבן זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט ווער פאַר די זייטן, ווער פאַר די ברוסטן און זייער געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אויף אַלע דריי גאַרנס. די באַלייבטע יידענע האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין לעמלינס פאַרמאַכטער טיר און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ מיידלשן קוויטש, וואָס האָט ניט געפּאַסט פאַר איר ברייט־ביינינק געשטעל:

— רעכלין! רעכ־לין!

אַ ריגל האָט אַ ריץ געטאָן און די טיר האָט זיך עטוואָס געעפנט. רעכ־לין האָט אַרויסגעשטעקט אַ לויטער פּנים — אַ געמיש פון בלוט און מילך. זי האָט דערזען די שכנות, ווי זיי שטייען אין אַ קרענצל אַרום דער חופּה־ביטערין און לאַכן, האָבן אירע דורכזיכטיקע ווינשל־אויגן מיטגעלאַכט און איבער אַ ווייסן האַלדז מיט פּערל האָט אַ קליין גוידערל געציטערט:

— הע, הע, הע! וואָס פאַרע גוטע שמועות דערציילט די ביטערין?

ס׳איז געוואָרן אַ רגע שטיל. די ווייבער, וואָס האָבן זיך ניט געהאַט צוזאַמענגערעדט, האָבן זיך מיט די פינגער, מיט די שערצן געווישט די טרערן פון די אויגן. יעדע האָט געוואַרט, די צווייטע זאָל אָנהייבן. די זקנה האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף איר שטעקן, ווייטער געצויגן דעם תחינה־ניגון, ווי זי וואָלט געהאַלטן אין מיטן דערציילן:

— נון מאַגט איר, מיינע ליבע קינדער, גערן הערן — — ווען איין שפּילווייב, איין מכשפה, אָדער די מלכה־שבא טוט ביי איין אשת־איש די ליבע פון איר מאַן אוועקנעמען, גיבט איין סגולה, איין אויסגעפּרואוווטע — בדוק ומנוסה — — —

— וויל איך גערן הערן — האָט רעכלין מיט אַן איבערגעריסן געלעכ־טערל זיך אַ בייג געטאָן צו אַ שכנה.

— איך אויך, גרויסמוטערכן!

— איך וויל אויך דערפון געניסן — האָט די אַלטע געוויזן אויפן פאַטשיילעכל מיט געלט.

רעכלין האָט דערטאַפּט אַ מטבע אין איר טיפן אַטלאַסענעם צדקה־בייטל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ זיידענער באַנד. זי האָט געגעבן די

מטבע דער זקנה, ווי מען גיט אַ וואָרזאָגערין. די אַלטע האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגן, געהויבן די צונג צווישן די ליפּן, ווי אַ קלעפּערל, און דער־ציילט, ווי נאָך לילית נעמט צו דאָס שלום־בית: זי פאַרקליידט זיך פאַר אַ שפּילווייב אָדער גאָר פאַר דער מלכה שבא, פירט אַראָפּ פון דרך־הישר אפילו אַ צדיק, אַ פּשיטא שוין אַ זויפּברודער, אַ לעב־יונג. אויב ס׳טרעפט זיך אַ כשר ווייבכן אַזאַ אומגליק, דאַרף זי נעמען אַ שפּיגעלע, אַוועק דער־מיט אין פעלד אַריין, ווען די זון שיינט, און אַז זונפלימערלעך הייבן אָן צו טאַנצן און צו שפּרינגען אַרום איר, זאָל זי באַגראָבן דאָס שפּיגעלע, ווי מען איז מקבר אַ טויטן, און דערביי דריי מאָל זאָגן:

— דאָ באַגראָב איך דעם דאָזיקן שפּיגל אין דער ליבע, די פרוי ווענוס צו טאַנהויזערן האָט, און איך בעט ביים אַלמעכטיקן גאָט־יתברך, ער זאָל מיר אומקערן דאָס שלום־בית און מיין מאַנס הארץ.

— זאָ איין אומגליק האָט אויך צו פולדאַ געטראָפן — האָט איינע פון די שכנות זיך אָנגערופן.

— און צו ווירמיזע, מיין געבורטשטאָט — האָט די זקנה זיך פעסטער אָנגעשפּאַרט אויפן אויסגעקרימטן שטעקעלע. — איר מאָגט הערן:

— אין אַ הויז, נעבן דעם קוועלברונעם, וואָס הייסט „צום טייפלס קאָפּ“, טוט איין גרויסער אביון וואוינען. איין מאָל גייט דער אביון אין זיין געוועלב, וואָס אין זיין הויז, און וויינט ביטער פאַר צער. ווי ער וויינט גאָר זייער פאַר גרויס אָרעמקייט, באַווייזט זיך די מלכה שבא. קיין שע־נער ווייבסמענטש האָט ער געווים זיין גאַנץ לעבן־טאָג ניט געהאַט געזען. די האָר אירע — לויטער גימגאָלד. זי שפּראַך: „ווען דו ווילסט ביי מיר שלאָפן אַלע טאָג, ווען דער גלאָק צוועלף שלאָגט, אַזוי וועל איך דיך צו מיין רייכן מאַן מאַכן, וואָס וויניק דיין גלייכן וועט זיין.“—דער מאַן לאָזט זיך איבעררעדן. אַלע טאָג, ווען דער גלאָק צוועלף שלאָגט, קומט זי. צוויי בתולות טראָגן איר נאָך אַ גאָלדענעם בעקן, וואו אירע גימגאָלדענע האָר דערין ליגן. און ווען זי זיך צו דעם מאַן לייגט, שטעלט מען דעם בעקן פאַר דעם בעט אויף דער ערד. די בתולות בלייבן ניט אין געוועלב. די מלכה

שבא פאַרבאָט דעם מאַן, אַז קיין מענטש ניקס זאָל וויסן פון דער זאַך, אַנ־דערש וועט זי אים אום זיין לעבן ברענגען. נון טוט ער איר ווילן אַלע טאָג. און די מלכה שבא האַלט אויך, וואָס זי אים פאַרשפּראָכן האָט. זי בראַכט אים פיל זילבער און גאָלד. דער מאַן ווערט גאָר רייך און ער קליידט זיך און זיין ווייב, ווי עשירים זייער סדר איז. דאָס ווייב האָט אום שבת און יום־טוב די הענט פול מיט פינגערלעך. איין מאָל פרעגט אים ס׳ווייב: „מיין ליבער מאַן, זאָג מיר דאָך, וואָס טוסטו אַלע מיטאָג, ווען דער גלאָק שלאָגט צוועלף, אין געוועלב?" ענטפערט דער מאַן: „איך האָב מיך נון אַזוי צוגעוואוינט, איך מוז אַלע מיטאָג שלאָפן."— זי פרעגט ווייטער ניקס דערפון, אָבער זי טראַכט זיך — עס איז יאָ ניט בחנם, דאָס ער אַלע טאָג אין איין געוויסער צייט אין דעם געוועלב גייט. איין מאָל נעמט זי ביים מאַן דעם געוועלב־שליסל און לאָזט זיך ביי איין שלאָסער אויך איינעם נאָכמאַכן. און ווי דער מאַן איז וועק אין געוועלב, מאַכט זי לאַנצום אויף די טיר מיט איר שליסל און גייט אַריין. זי דערזעט איר מאַן ליגן ביי דער מלכה שבא, זעט אויך דעם גאָלדענעם בעקן מיט די גימגאָלדענע האָר דערין. דאָס ווייב שלייכט לאַנצום אוים דעם געוועלב און מאַכט די טיר לאַנצום נאָך זיך צו, זי זאָל קיינעם ניט אויפוועקן. נון, ווי די מלכה שבא וואַכט אויף, זאָגט זי צום מאַן: „אַצונדערט מוזסטו שטאַרבן, דען דו האָסט אונדזער סוד מגלה געווען. אַ מענטש איז הינען געווען און אונדז געזען ביי אַנאַנדער שלאָפן." — דער מאַן שווערט, ער ווייס פון ניקס. ער וויינט, פאַלט צו אירע פים און די מלכה שבא לאָזט אים לעבן. זי שפּראַך: „דו וועסט מיך קיין מאָל מער ניט זען און דיין עשירות וועט פאַרשווינדן. דו וועסט אָרעמער ווערן, ווי דו ביסט פריער געווען. איך האָב פון דיר צוויי קינדער. זיי וועל איך די העלדזער אַרומדרייען און זיי אומברענגען. אין דריי טעג אַרום גיי אַרוים אויף דער בריק, וואָס אויף דעם ריין, וועסטו זען אַן אָרון שווימען. דאָרט וועלן דיינע קינדער ליגן, וואָס איך מיט דיר געהאַט האָב. איך וועל זיי הי ביי דעם ריין צו קבורה טון." — אויפן דריטן טאָג גייט דער מאַן אויף דער בריק און זעט דעם אָרון שווימען. און

אין אַ קורצער צייט ווערט ער ווידער אַ גרויסער אביון. — דערום, יידישע טעכטער, לאָזט זיך קיינער פון געלטס וועגן לאָזן פאַרפירן — — השם־יתברך טוט איטלעכן באַשערן, וואָס אים טוט געהערן.

בשעת די חופה־ביטערין האָט גערעדט, האָבן די שכנות זיך צונויפגערוקט אין אַ קרענצל און פון תענוג געעפנט מויל און אויערן. יעדע פון זיי האָט אי געשלונגען די ווערטער, אי געבעטן גאָט. דאָס איר מאַן זאָל ניט פאַרפירט ווערן פון אַ וואַנדערווייב.

— וואָס פאַרלויפט זיך אַלץ — האָט איינע אָפּגעעטעמט.

— אַצונדערט העט איך גערן מיין מאַן ביי זיך געהאַט — האָט אַ צווייטע אַ זאָג געטאָן און זיך פאַרשעמט.

— איז עס וואָר, דאָס רויזלין, דאָס פּראָגער שפּילווייב —? — האָט רעכלין ניט דערזאָגט און געדרייט די פינגערלעך אויף די הענט.

— וואָר, וואָר — האָט אַ שכנה זיך אָנגערופן; — די רויזלין טוט זיך לוסטיק מאַכן מיט פרעמדע מאַנען.

— זויפט, זינגט און טענצלט ביי מיכלען אין הארבעריק — האָט אַ צווייטע געזאָגט.

— און דיין לעמלין איז אויך דאָרט — האָט אַ דריטע צוגעגעבן.

— מיין לעמלין? — איז דאָס בלוט־און־מילך אויסגעלאָפן פון רעכלינס ליכטיק פּנים און אירע ציין האָבן אַ פינקל געטאָן. — נון צי איך שוין אַהין! און אויב איך זיי אין טרינקשטוב דערוויש — האָט זי אויפגעהויבן אַ האַנט. וואָס האָט געהאַט צו זאָגן: „וועל איך הרג'ן און ראַצ'ן!“

קיינער האָט ניט געענטפערט. רעכלין האָט אַ וויל געקוקט אויף די שכנות, געוואָלט וויסן, אויב מען טרייבט ניט פון איר קיין שפּאַס, און זיך אויף קריק גענומען שאַרן אין דער אָפענער טיר.

די שווערע טיר איז צוגעפאַלן מיט אַ קלאַפּ. ס'האָט זיך געהערט אַ קרעכץ פונעם אייזערנעם ריגל. די שכנות האָבן זיך אַ שטעל געטאָן אויף די נעגל, זיך איבערגעקוקט מיט אַ מינע, גלייך זיי וואָלטן נאָר וואָס אַ

טרעט געטאָן אויף אַ לעבעדיקער זאַך. די זקנה, די חתונה-ביטערין, האָט אַ וויש געטאָן מיט צוויי פינגער לעמלינס הילצערנע מזוזה, גענומען קלאַפּן מיט די שווערע קלאָצקאָרקעס און איר איינגעפאַלן מויל האָט גע-פּרעפּלט:

— גוט, גוט, מאָג זי וויסן, דאָס נאַרישע ווייבלין, דאָס איר צדיק לעמ-לין באַקט אויך קיינע קיכלעך אָן פייער — אָן פייער באַקט מען ניקס — ניקס —

מיכל פון „גילדענעם הערש" האָט מיט די קלעפּיקע הענט זיך אַ שאַר געטאָן איבערן פאַרשוויצטן שטערן, איבער דעם נאַסן פּנים. ער האָט דאָ און דאָרט איבערגעלאָזט אַ פלעק און אָפּגעווישט די פינגער אָן זיין געלבלעך בערדל, וואו איין שפּיץ האָט זיך ביי אים פאַרריסן, איז געוואַקסן אַרויף.

ער איז געשטאַנען הינטער אַן אויסגעוועלבטער טאָנבאַנק, האָט געשלעפּט שפּונטן פון פעסער, פון טונדלעך, געצאַפּט וויין, ביר אין גיספעסלעך, אין צינערנע און ערדענע קרוגן און אַז די געטראַנקען האָבן זיך אַ הייב געטאָן איבער די ראַנדן, זיך צעבלעזלט, האָט מיכל זיי קונציק אָפּגעשוימט מיטן גראָבן פינגער און זיך צעשריען איבער דער גאַנצער טרינקשטוב, ס׳ווייב זאָל דערהערן :

— פּאַרטיק ! פעסלין, פּאַרטיק !

פון דער גרויסער „מעכיע" איז מיכל געשטאַנען אַ צעטומלטער, אַ פאַרחושטער. ער האָט ניט באַמערקט, ווי איין זאַק האָט זיך ביי אים אַראָפּגעקאָלערט פון דער קניהויז און אָפּגעדעקט דעם האָריקן שינביין.

ער האָט שוין לאַנג אַזאַ שפּע ניט געהאַט. דער לעדערנער בייטל,

וואָס איז ביי אים געהאָנגגען אויף אַ רימען איבערן אַקסל, איז אַפּגעשטאַנען, זיך מער ניט געקענט פאַרמאַכן. און דאָס לייזעכץ, דאָס אמתע „זשויבן“, האָט זיך איצט ערשט אָנגעהויבן. דער פּידיון האָט אים אַזוי פאַרטומלט, אַז מיכל האָט אפילו זיך אויפגעהערט צו עסן און צו ערגערן, וואָס ס׳ווייב זיינס טרייבט שפּאַס מיט פרעמדע מאַנצבילן, וואָס זי טרינקט לחיים מיטן רייכן זאַקסע, דעם בלאָזן, טרייבט קאַטאָוועס מיט די לצים, וואָס זייערע רייד זענען אייטל ניבול־פּה און זנות.

מחותנים פון האַלב בייערן, וואָס זענען אָנגעפאָרן צום רעגענסבורגער פּרנס אויף דער חתונה, זענען געזעסן ביי טישן און טישלעך און האָבן זיך משמח געווען.

דער לצים־טיש איז ניט בלויז געווען אין גאַנצן באַזעצט, נאָר מען איז נאָך געשטאַנען אַרום אַלע פיר עקן, קעפּ איבער קעפּ.

דער רייכער זאַקסע, וואָס האָט שוין געהאַט אָנגעטאָן דער טענצערין אַ שנירל קרעלן, פעסט געהאַלטן אירע הענט אין זיינע, איז געווען אָרענטלעך בגילופין. זיינע גזלנישע אויגן האָבן געגליט ווי לעבעדיקע קוילן. די באָרד — פעך. און אין דער געקרייזלטער שוואַרצקייט — אַ פּאָר רויטע, פליישיקע ליפּן. קיין זאַך האָט ניט געפּאַסט צום לענגלעכן, דאַרן פּנים, וואָס איז געווען בלייך, אָפּגעצאַפּט און אָן מראה.

ער האָט גערעדט פון זיינע נסיעות, פון זיין עשירות, דערציילט פון ווענעדיק, פון מאַנטואַ, איבערגעגעבן וועגן קורפירשט, וואָס זוכט טענצער, מוזיקער, זיי זאָלן באַרימט מאַכן דעם בייערישן הויף. ער, לעמלין זאַקסע, איז זיכער, אַז רויזלין וועט געפעלן, וועט אויסנעמען. זי קען זיך פאַרמעסטן מיט אַלע הויפשיקסעס אין „מוזיקאַ“ — מען דאַרף נאָר האָבן אַ צוטריט — און ער, לעמלין, דעם קורפירשטס ליוועראַנט — —

— ווי קום איך, אַ געמיינע טענצערין, אָן מאַנירן, דערצו אַ יידישע, אין אַ קיניגליכן הויף? — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן און אויפגעהויבן ס׳פּנים.

דורך דעם אָפענעם פענצטער האָבן זיך געשפּאַרט שטיקער זון, וואָס

ווערן רייף מיטן נאָכמיטאָג, עטעמען מיט האַניק. די שטיקער זון האָבן זיך צעלייגט איבער רויזלינס פּנים, וואָס איז געווען שיין, גאָר שיין, און די הויט אונטער די אויגן האָט זיך געגרינט, האָט זיך געגעלבט ווי די הויט פון פריש אָפּגעריסענע שעפּטאַלן.

זי האָט זיך אי איבערגענומען, אי געקוקט מיט חשד אויף דעם פרעמדן פּאַרשוין — אַזאַ שוואַרצע גריים מיט רויטע ליפּן, וואָס האַלט אירע הענט ווי אין אַ קלעם. ס'איז איר געפעלן, וואָס פישל איז אַנגע־שטויסן, טרינקט און קריצט מיט די ציין. און ווער ווייס? האָט זי, רויזלין, געהאַט אַ קאַמעראַדין, אַ שפּילוויַיב. וואָס האָט זיך אַריינגעקריגן צו אַ פירשט אין הויף און איז אויפגעריכט געוואָרן.

— צו וואָס די מאַליקאַלע געדאַנקען, רויזלין? — האָבן פלעמלעך זיך צעצינגלט אין לעמלינס אויגן — און אַנזעלמאַ פאַמיס איז ניט געווען קיין לץ, וואָס האָט געזאָגט און געזונגען אויף שימחות און אויף חתונות? ווי נאָך מיינסטו קומט ער אין מאַנטועַר הויף אַריין? פרעג מיך! ווען ניט די נאָבעלע בענוועדינאַ אברבנאל, וואָס האָט אים „רעקאָמענדירט און וואויל פרעזענטירט“, וואָלט ער נאָך היינט געבליבן אַ לץ! און איך, לעמ־לין, דעם קורפירשטס ליוועראַנט, וועל דיך פרעזענטירן, קינד מיינס — הערסט, רויזלין? הערסט? שיינע מויד מיינע!

דאָס גאַנצע לצים־געבינטל איז מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין דער טרינקשטוב. אויף אַ פריער האָט געשפּרייזט דער שטאָלצנגייער מיט זיינע לאַנגע בושלפים. נאָך אים — דער פייקלער, דער פידלער, דער וואָס האָט געשפּילט אויף אַ יידנהאַרף, דער פייער־שלינגער, דאָס קאַרליקער מיטן וואַסערקאָפּ. דער לעצטער איז אויך געווען אַ וואָרזאָגער. ער האָט געהאַלטן אַ קליינע אַף אויף אַ קייטעלע און זיך געברומט אונטער דער נאָז:

> פומיי, דו אַפע, באַצייג דיינע זאַכן,
> וואָס די לייט מאַכן לאַכן —

— פישל, ווער טראַקטירט? — האָט דער שטאָלצנגייער אַ שטעק גע־טאָן די הענט צו די שיריים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש.

— ניט איך — האָט פישל זיך צעברומט.

די אויסגעזהונגערטע לצים האָבן זיך צוגעכאַפּט צום טיש ווי היישע־ריקן. אין אַ רגע האָט מען אָפּגעליידיקט די שיריים, אַרומגעביסן דאָס פלייש פון די ביינער, זיי געגאָגט, געקנאַקט, און די גאַנצע כנופיה איז אויסגעגאַנגען נאָך אַ טרונק וויין, נאָך אַ שלוק ביר. די צינערנע און ער־דענע קרוגן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טיש, האָבן געגלאָצט מיט זייער ליידיקייט. און אַרום, ביי זייטיקע טישלעך, זענען געזעסן באַלייבטע גבי־רים, האָבן געגעסן ווער אַ שטיק קאַרפּ, ווער אַ פערטל גענדזנס, ניט פאַרטרונקען, נאָר פאַרזאָפּן מיט גלעזער וויין, אַז די פּאַנצן זענען שיער ניט געפּלאַצט.

— נון, לצים — האָט אַן אָנגעפּרעסענער מחותן זיך אַ שטעל געטאָן, לויזער געמאַכט דעם גאַרטל אַרום די הויזן און זיין פּירעקיק היטל האָט זיך וואָוילעריש גערוקט איבער אַן אויער; — וואָס זינגט איר ניט?

— דער וואָס זויפט, מאָג אויך זינגען! — האָט אַ לץ צוריקגעשליי־דערט מיט אַ בייזער.

— דו געשוואָלענער זויפּברודער — האָט דער מחותן אַ שטעק געטאָן זיין האַנט צום לץ; — וואָס איז דער רוגז, וואָס איז דער כעס?

— ווען ניקס געשיכורט, בין איך קיין זויפּברודער — איז דער לץ ווײ־כער געוואָרן.

— גערעכט — האָט דער מחותן אַן אויפגערוימטער זיך אַריינגע־שטופּט צווישן די לצים; — עבירה גוררת עבירה, קומט געזאַנג, קומט אויך, מיט גאָטס הילף, וויין און ווערפל!

— פישל! פיש־ל־כן! — האָט רויזלין אויסגעזונגען דעם נאָמען און בשעת־מעשה אָנגעשטעלט אויף פישלען אַזאַ פּאָר אויגן, אַז ער האָט זיך גענומען דרייען אויפן געזעס, מער ניט געקענט איינזיצן.

— פיש־ל־כן — האָט דאָס קאַרליקער אין זיינע קורצע זיידענע הויזן

זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און נאָכגעקרימט דער טענצערין — פישל, פיש־ל־כן, נעם זיך ניט אַזוי איבער, איך בין אויך געיידישט!

דער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער:

— גוט! בראַוואָ!

פישל האָט איבערגעדרייט אַ ליידיקע קרוג מיטן מויל אַראָפּ. ער האָט גענומען קלאַפּן און שנעלן אין דעם הוילן צין אַריין, ס'זאָל שטיל ווערן. זיינע אויגן, טרויעריקע, וואָס האָבן זיך געשאַרט פון פנים צו פנים, זענען געבליבן הענגען אויפן אָנגעפּרעסענעם מחותן, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן:

— איידער טומלען, מחותן, איז ענדער טראַקטירן די לצים מיט ווין און ביר!

און אַז עס איז געוואָרן שטיל, האָט פישל צוגעטוליעט די ליידיקע קרוג צו דער ברוסט און זיין קול, אַ קלאָרס, אַ טיפס, האָט געשפּרייט אָר־מעט און טרויער:

מיין גוטער, אַלטער, שטאַרקער ווין,
וואַסער וויל דיין מיינסטער זיין:
קיין געזאַנג וויל אין מויל אַריין
פול וואַסער, פול וואַסער.

די כנופיה לצים האָבן אָן עפּן געטאָן די אויסגעהונגערטע, טרוקענע מיילער און אין דער טרינקשטוב האָט אָפּגעהילכט:

איך האָב קיין ווין — די אויגן מיין —
איך האָב קיין ווין — די אויגן מיין
רינען וואַסער, רינען וואַסער.

דער עולם האָט געגאַפט, געוואַרט, פישל זאָל ווייטער זינגען. ער איז געשטאַנען אַ צעוויטיקטער, האָט געזוכט רויזעס בליק. און אַז זי האָט

אויפגעהויבן צו אים די אויגן, האָט ער איינגעצויגן די אַקסלען, צונויפגע־שאַרט פון טיש די ליידיקע קרוגן און אַריינגעזונגען אין זיי:

ווי וויל דאָס ברויט אין מיך גיין,
מיין געשפּייז האָט קיין געשמאַק מיין,
ווייל די בעכער פאַר מיר שטיין
מיט וואַסער, מיט וואַסער.

איצט האָט די גאַנצע טרינקשטוב אונטערגעכאַפּט, צוגעקלאַפּט ווער מיט אַ קרוג, ווער מיט אַ פוס:

איך האָב קיין ווײַן — די אויגן מיין —
רינען וואַסער, רינען וואַסער.
איך האָב קיין ווײַן — די אויגן מיין

— קיין וואַסער! ווײַן, דעם בעסטן ווײַן! — האָט דער צעגאַרטלטער מחותן געזוכט די שענקערין.

די שענקערין, אַ צערויטלטע, איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל. מען האָט שוין מער ניט געזונגען. זי אָבער האָט נאָך אַלץ געהויבן צום טאַקט די ליידיקע קרוגן, וואָס זי האָט געהאַלטן איןביידע הענט. אירע אויגן, הונגעריקע, האָבן געקוקט, ווי לעמלין האַלט די טענצערין, רעדט איר אין אויער אַריין און אַליין האָט די שענקערין ניט געהערט, ווי עולם שרייט, פאָדערט ווײַן.

דער אויפגערוימטער מחותן האָט אַרומגעכאַפּט די פאַרחושטע שענ־קערין, זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך:

— גזלנטע, ווײַן! עולם גאַרט אײַן ווייניק ווײַן!

דאָס פאַרשעמטע ווייבלין האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון זיינע הענט. זי האָט זיך געוועהרט, געהויבן די ליידיקע קרוגן און די פלאַמען פון פנים האָבן זיך צעלייגט איבערן האַלדז. ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזט, זיך

געבויגן איבער איר, חשק געהאַט אַ קוש צו טאָן און זײַן אייגענע באָרד איז אים געקראָכן אין די אויגן, אין מויל אַרײַן.

דער עולם האָט געשאַרט מיט די פיס, געפּאַטשט אין די הענט, צוגע־פייפט:

— ווי ער פּרייכט!

— הע, הע, הע! וואָס שמעקט ער?

— דאָס ווייבלין איז קיין הדם!

בשעת דער עולם האָט אָנגעקוואָלן, געוואַרט, דער שענקער זאָל יעדע רגע אָנלויפן, האָט זיך דעם רייכן לעמלינס ווייב, רעכלין, אַריינגעשאַרט אין האַרבעריק. עס האָט איר גענומען אַ ווייל, ביז זי האָט דערזען איר מאַן, וואָס איז געזעסן אַרומגענומען מיט דער טענצערין. ווערטער האָבן זיך צעבלעזלט אויף אירע פאַרקוועטשטע ליפּן:

— זיין שעה איז אויסגעלאָפן!

די ניט געוויקסיקע רעכלין האָט מיט אַזאַ אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן צום פּאָרל, אַז רויזלין האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אויפצושטעלן. זי איז געבליבן זיצן אַ געליימטע און האָט געפילט, ווי שטעכיקע פינגער רייסן די האָר מיט די וואָרצלען. פאַר די אויגן האָבן אויפגעפלאַמט ווער־טער:

— חצופה! פרעמדע מאַנען האַסטו גערן, דו אומטרעכטרין!

אויפן אָרט איז לעמלין אויסגעניכטערט געוואָרן. ער האָט זיך גענומען רוקן, געוואָלט וואָס וויטער זיין פון ווייב. פישל איז אַ שווים אָפּער גע־טאָן פון הינטערן טיש. ער האָט זיך צעשריען צו זיינע קאַמעראַדן צום ערשט אין גלחות — איגנאַראַמוסן! אידיאָטן! — און איז באַלד אַריבער אויף מאַמע־לשון: — אָקסן! בהמות! וואָס לאָזט איר שלאָגן? וואָס לאָזט איר אונדזער רויזען ממיתן?

נאָר איידער דאָס געבינטל לצים האָבן זיך געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר, איז די טענצערין שוין געשטאַנען מיט אַ פאַררייסענעם קאָפּ און מיט

ביטול געקוקט, ווי דאָס קליינע ווייבלין שפּרייזט צו דער טיר און איר מאַן, דער איבערגעוואַקסענער לעמלין, שאַרט זיך נאָך איר.

— וואָס איז דאָס? — האָט פישל אַ הייב געטאָן רויזעס האַנט, וואו פון עלנבויגן האָט געטריפט בלוט.

— ניקס, פישל, ניקס — האָט רויזע געקוקט אויף די טונקל-רויטע טראָפּנס און די אויגן האָבן ביי איר געשמייכלט — דאָס צאָל איך אָפּ פאַרן בייטשל קרעלן — ניקס קריגט מען בחנם... ניקס...

פישל איז אַריין מיט רויזען אין פעדערהויז. ביי דער גיספּאַס האָט ער איר אַרומגעוואַשן די צעראַצטע הויט און געפילט דערביי, ווי מען וואָלט אים צעריסן די הויט ביז בלוט.

ווי אַ ווינט האָט רויזע מיט אַ מאָל אַרומגעכאַפּט פישלען, אַז דער פאַרשפּיצטער קאַפּטור איז ביי אים אַראָפּ פון קאָפּ. זי האָט אים אויסגע־קושט די אויגן, ס׳מויל, ס׳בערדל. און איידער ער איז געקומען צו זיך, איז זי שוין ניט געווען, בלויז איבערגעלאָזט אַרום אים איר אָטעם, וואָס האָט איינגערוימט:

— פישל, פישעלע, מיין פישלכן.

די יידנגאַס, וואָס האָט געפירט צו בעלאַסערס הויף, איז ניט געווען דורכצוגיין. דאָס אייזערנע טויער ברייט צעעפנט. פון ביידע זייטן טויער — צוויי רייטערס אין קורצע רעקלעך, אין געפּאַלדעוועטע קניהויזן, אין היטלען ווי גלעקער. אַלץ פון רויטן סאַמעט. איבער די רעקלעך — שווערדן. דאָס האָבן די רייטערס — בעלאַסערס איבערגעטוענע משרתים —קריקגעהאַלטן דעם ניט געבעטענעם המון, וואָס האָט געקריבלט, געוויבלט.

די מויער, אַ געביי פון רויע פירעקיקע שטיינער, מיט טורעמלעך פון אַלע פיר זייטן, איז געשטאַנען טיף אין הויף. די שטיינער, באַוואַקסענע, אָפּגעשאָסענע, האָבן זיך געהאַלטן אין קרישלען, ווי די געביידע וואָלט געווען אַ פליגל פון אַן אַלטן פאַרוואָרלאָזטן שלאָס.

דער המון האָט זיך געקליבן פון דער פרי אָן. אָרעמע לייט, ווי היישעריקן, זענען באַפאַלן די וואַכשטוב, ס'טאַנצהויז, דעם ברונעם. שטאָטישע געמיינע לייט האָבן זיך געקליבן פאַרן טויער, וואו ס'אייזן איז געווען אויסגעהאַמערט ווי לעקעכלעך. אומעטום — מאַנצבילן, ווייבער, קינדער.

אַזאַ הילוך, אַזאַ איידל־געשטיין און אַזאַ עשירות איז אין רעגענסבורג

ניט געווען צו זען. מחותנים פון ווירמיזע, פון פראַנקפורט־אַם־מיין, פון ווין און דער עיקר פון סטאַמבול.

וואו אַ קער — סאַמעט, זייד. וואו אַ בליק — מאַנטלען געשטיקט מיט גאָלד, מיט זילבער. ברייטע שפּאַניע־גאַרטלען. שוואַרצע, ווייסע, רויטע. טירן האָבן ניט גערוט. ווייבספּאָלק האָט געהאַלטן אין איין גיין, אין איין קומען — יונגע, עלטערע, זקנות. דימענטענע אוירינגז ביז איבער די געפליטערטע אַקסלען. אויף די געפּאַסטע אַרבל, אַרום די האַנט־געלענקען גאָלדענע מאַניעלן, באַזעצט מיט פריזאַנטן, מיט שמוראַקן, מיט רובינען. פּערל — פולע העלדזער. קרעלן, בורשטינען מיט גאָלדן־גילדן דראָן געהאַנגען.

— פעסלין — האָט אַ מיידל אַרומגענומען איר חברטע — וואָס איז, פעסלין? וואָס אַזוי אומעטיק?

— איך? — האָט פעסלין אויפגעהויבן אַ פּאָר שוואַרצע, טרויעריקע אויגן. — קיין קינאה, וואָס איך קיין ממון האָב, קיין דימענטן האָב, קיין זייד, קיין סאַמעט האָב. מיינע קליידער אַלטע לומפּן? — האָט זי אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער דער קני. — מאָג אַ צווייטע דאגות האָבן! הערסט, יענטל, כ׳האָב גרויס לוסט צו קרעלן. רויטע, רייך־רויטע קרעלן, ווי האַנאָווערס טאָכטער פייגלין טראָגט.

— קרעלן? — האָבן די רויטע ליפּן ביי יענטלען זיך אַ שנירל געטאָן מיט ביטול. — דערפאַר העט איך קיין דאגות האָבן! אָן קאַטאָוועס, פעס־לין! — כ׳מאָג נאָר לוסט האָבן, וועט מיר בעלאַסערם משרת שענקען!

— ווער, דער שיינער פאַרשוין דיינער, זלמן? — האָט פעסלין געוויזן אויף איינעם פון די רייטערס ביים טויער. — מאָגסט דעם משרת די אויגן אויספּיקן!

— דער נבזה וויל רעכט מיט מיר די צייט פאַרטרייבן — האָט יענטל זיך פאַרשייט צעלאַכט. — ניקס, ניקס! ווער יאָ אייטל האַלדז ברעכן וויל, מאָג מיט אים, מיטן אויסגעוועטערטן קאַפּהאָן, ראָמאַנצירן! ניט איך, ניט יענטל!



יידן פון מערב- און דרום-מערב-דייטשלאנד / זעכצנטער און זיבעצעטער יארהונדערט

ס׳איז אָנגעקומען דער ראש־ישיבה אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן געריפּלטן מאַנטל. ער האָט געפירט אַ יונגנמאַן אין אַ ווייסן זיידענעם בגד ביז צו די טריט. דער גאַרטל — ווייס און ברייט. דער אויסגעבונדענער טורבאַן אויפן קאָפּ — ווערמיל־רויט. די אויגן, ס׳בערדל, די פּאות — שוואַרץ, פּעך־שוואַרץ.

ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל. די יידנגאַס האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, אָנגעשטעלט אויגן און אויערן — דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ קליינע ווייל. באַלד האָט דאָס היילן פון אַ זויגקינד אויפגעטרייסלט די שטילקייט.

— וואָס פאַרע היילן? וואָס פאַרע קרייסן ווי אַ קימפּעטאָרין? — האָט מען פון אַלע זייטן געהאַט טענות צו דער איבערגעשראָקענער מוטער; — אָדער דעם קינד צו זייגן גיב אָדער הינוועק מאַרשיר!

— שאַ, שאַ — האָט עמעצער זיך אָנגערופן; — ס׳קינד האָט נעבעך דעם ריפּקוכן.

— גייט מען צום רופא! — האָט מען געהערט פון אַלע זייטן; — האַקן דעם ריפּקוכן מעכט קיין היזק ברענגען!

די מוטער, אַ נידעריקע, אַ דאַרע, האָט אין אייטל אַנגסט אַריינגעשטעקט אַ טרוקענע ברוסט דעם קינד אין מויל אַריין. און אירע אויגן — קליינע, שוואַרצע מייזכער — האָבן פאַרווירט געקוקט אויפן פרעמדן, וואָס איז געגאַנגען מיטן ראש־ישיבה.

צענדליקער בליקן האָבן געלוקט אויפן פרעמדן:

— ווער מאָג עס זיין?

— ר׳ יעקיל — האָט דער עולם אָפּגעשטעלט דעם אַלטן שמש און געוויזן אויפן פרעמדן; — ווער מאָג עס זיין, ר׳ יעקיל?

— דער דאָזיקער? ס׳איז דאָך ר׳ קלמן! אונדזער ר׳ קלמן מרעגענסבורג.

— דאָס איז ער?

— דער בעל־מקובל? וואָס וואוינט תוך סטאַמבול?

— איז ער נאָך גאָר זייער יונג!

— און אַ הדרת-פּנים!

— און פון גוטן געשלעכט!

— און האָט גרויס ממון!

— גרויס ממון? — האָט ר׳ פּתחיה, אַ שטיק אביון, וואָס איז שוין צוויי מאָל געווען אין ארץ-ישראל, זיך צעלאַכט. — דער ר׳ קלמן העט ביי קיניג אַרטוסן אין הויף אויך פאַר אַן עושר געשמט!

אַרום ר׳ פּתחיהן איז אויסגעוואַקסן אַ רעדל. אַרום דעם רעדל — אַ ראָד. איינער האָט געפרעגט:

— איז עס וואָר, ר׳ פּתחיה, דאָס דער ר׳ קלמן פירט פונעם תוגר׳שן מלך אַ כתב צו די יידן פון גאַנץ אשכנז?

— וואָר, וואָר!

— אַן אוהב-ישראל, דער תוגר!

— האָט יידן שטאַרק גערן!

— שייך, גערן? — האָט ר׳ פּתחיה, צעריסן, צעשליסן, אַ הייב געטאָן די האָריקע הענט און די טונקעלע אויגן זענען געוואָרן בלויז עונג; — ס׳איז דאָך משיחס צייטן! וויל אַ געמיינער מאַן אַ נחלה, וויל ער אומגעשטערט משא-ומתן טרייבן, וויל אַ ייד אַ תחום-שבת פון ארץ-ישראל זיין, מאַג ער בלייבן לאָזן דאָס שיינע אשכנז און קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ציען!

— וואָס האָבן מיר דען הי?

— הי? — האָט ניט בלויז פּתחיהס אויסגעצערט פּנים, נאָר אויך די שטיקלעך באָרד, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער די באַקן — אַלץ האָט אָפּגעשפּעט און אָפּגעלאַכט; — הי? הי האָבן מיר לייב-צאָל, שוץ-צאָל! מאַכט אַ ייד ריווח — דאַרף ער דעם זויפער, דעם דייטש, יעדן דריטן פעניק אוועקגעבן! און גייסטו אין „מקום” טרייבן מיסחר, ביסטו מיטן חיות ניט זיכער! אומעטום רשעות, בייזע-לייט, ריקים ופוחזים און לומפּנגעזינט! און קעגן נאַכט, אַלס מען דאָס טויער גייט צומאַכן, קוקט זיך יעדע אשה די אויגן אויס, וויל איר מאַן ווידער בשלום זען. ס׳איז דאָך שאַנד און

שפּאָט! און מען רעדט — האָט ר׳ פּתחיה ווי אַ סוד איינגערוימט — דאָס אַלע יידן פון רעגענסבורג, איבער פינף הונדערט הויזהאַלטונג, וועלן האָבן אַ גירוש.

— גאָט זיי מיט אונדז! — האָט אַ יידענע אָפּגעזיפצט.

ביים וואָרט „גירוש" האָט מען פאַרגעסן, אַז רעגענסבורג איז זיך היינט משדך מיט ווירמיזע, אַז מחותנים זענען זיך צונאָנדגעקומען פון גאַנץ אשכנז, אַז די פּראָגער לצים זענען אָנגעפאָרן. דאָס געוויין און געשריי, און ניט בלויז פון די נירענבערג, פון די שפּייער, נאָר פון די צענדליקער שטעט און שטעטלעך אַרויסגעטריבענע יידן, האָט מיט אַ מאָל אַ הילך געטאָן אין אַלעמענס אויערן. די אויגן אַזוי צעשראָקן און אומבאַהאָלפן ווי נאָר ביי אַ שרפה אין מיטן נאַכט. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. מעגלעך די פרייד פון דער חופה, פון חתן-כלה — ווי ס׳זאָל ניט זיין, האָט מען זיך אויפן אָרט גענומען טרייסטן. און אַז מען וועט טרייבן פון רעגענסבורג, איז דאָ אַ בורא אין הימל, וואָס האָט שוין ברייט געעפנט די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל — קומט, קומט, קינדערלעך, און זעט, ווי כ׳האָב דעם ייד דערהויבן. מחמד דער צווייטער האָט לעבן זיין טראָן געמאַכט פּלאַץ פאַר אַלע דריי גלויבנס. רעכטס פון טראָן — דער מופטי, דער רב, לינקס — דער גריכישער פּאַטריאַרך.

ס׳איז אונטערגעקומען אַ ייד אין אַ לויזן בגד מיט ווייסע און שוואַרצע פּאַסן, ענלעך אויף אַ טלית. דער קאָלנער פון בגד ביז איבער די אַקסלען. די אַרבל — איינשיטן. דאָס סויבלנע היטל אָן אַ זייט. ביים שוואַרצן גאַרטל — זעקלעך קרייטיכער, זעקלעך קמיעות. מיט די עלנבויגנס, מיטן שטעקן האָט דער פאַרשוין זיך אַריינגעשטופּט צווישן עולם. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן די שוואַרצע באָרד, אַ ברייטע, אַ לאַנגע, זיך באַלעקט מיט די פליישיקע ליפּן. די געשטרייפטע, לויזע אַרבל זענען זיך צעפלויגן און דינע, ווייסע הענט האָבן אַ פלאַטער געטאָן, מיטגעבראַכט אַ מבול ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען אויסטערליש פאַרן אויער פונעם אשכנז:

— מציאות, פרומע ווייבער, מציאות!

— דאָס איז דאָך דער באַלבירער!

— ניין, ס'איז דער קריעה־רייסער, דער רופא.

— דער פאַלאַק?

דער רופא האָט אויסגערופן גיך און צעצויגן:

— קמיעות אין צפת געכתיבהנט, אין ירושלים געכתיבהנט. ס'איז בדוק ומנוסה. קרייטיכער פון ר' שמעון־בן־יוחאי'ס קבר, גוט פאַר גאַל־שטיינער, פאַר געלזוכט, פאַר לאַקסירן. שוואַרצע קראַמפּינגערלעך פון הירשהאָרן, וואָס טוט ווייטאָג און ברעכעניש פון קרייץ, פון די געלענ־קען פאַרטרייבן. שטערנשים — איז ס'קול ביים רופא געוואָרן אי ווייך, אי טיף, — כלערליי קאָלירן: הימל־בלוי, רעגנבויגן, רויט ווי בלוט. אַ סגולה פאַר גרינג האָבן, אַ יידישע טאָכטער זאָל חס־וחלילה ניט מפּיל זיין. רויטן שטערנשים איז מיין ניקס צו זען. ווען ס'בית־המיקדש איז אין פלאַמען געשטאַנען, האָט גאָט ברוך־הוא גענומען האָגלען מיט שטערנ־שים. דערפון, פרומע פרויען, די רויטקייט. טוט אַ קימפּעטאָרין שווער צום קינד גיין, איז געוווג, מען זאָל דעם שטערנשים דער יולדת אויפן נאַ־קעטן לייב לייגן און דער שטיין נעמט פונקען שיסן, טוט ליליתן מיט אירע טעכטער „באַגריסן, באַגרייזן און דעם קוימען ווייזן". קומט, פרומע ווייבער, צו לויפן און גיכער קויפן — מציאות, מציאות!

און אַז די ווייבער האָבן זיך גענומען קלייבן אַרום דעם רופא, האָט ער זיך אַ בייג געטאָן צו אַ יונג ווייבל מיט אַ „פּעקל" אונטער דער נאָז און איר איינגערוימט, אַז אַלע האָבן זיך צעשמייכלט:

— נון, טרעפט זיך ביי אַ כשר ווייבכן אַן אומגליק, אַ צווייטע נעמט דאָס שלום־בית צו, איז דער רויטער שטערנשים די בעסטע סגולה דעם מאַנס האַרץ אומצוקערן.

בשעת דער רופא, דער פאַלאַק, האָט זיך געוויצלט, האָבן עטלעכע ווייבער צוגעפירט צו אים די מוטער מיטן קראַנקן קינד. דער רופא האָט

באַקוקט די קרומע פיסלעך, דין ווי שטעקעלעך, דאָס אויפגעלאָפענע בייכל, און אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער:

— וואָס שאַט דעם קינד?

— ס׳האָט דעם ריפּקוכן.

— דעם ריפּקוכן? — האָט דער רופא אויפן אָרט אַרויסגענומען פון הינטערן גאַרטל אַ פלעשל בראָנפן, אַ גלעזל, אַ לאַנצעטל. ער האָט אויסגעשטעקט צו די ווייבער אַ האַנט, וואו מטבעות האָבן זיך גענומען קלייבן, און געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן: האַקן דעם ריפסוכן איז אַ רפואה-שלמה! אַ רפואה-שלמה! ניקס בייזעס!

דער רופא האָט אַ קראַץ געטאָן מיטן לאַנצעטל איבערן קינדס לעפל פונעם לינקן אויער. ס׳איז אַרויס אַ טראָפּן בלוט. דער רופא האָט דעם טראָפּן בלוט אַריינגעלאָזט אינעם גלעזל בראָנפן און עס אויסגעמישט מיט אַ פינגער. מיטן נאַסן פינגער האָט ער אַ וויש געטאָן איבערן קינדס לי־פעלעך. און אַז ער האָט מיטן בראָנפן גענומען רייבן און שמירן דאָס אויפגעלאָפענע בייכל, האָט זיך ס׳קינד אַזוי צעשריען, זיך אַזוי גענומען וואַרפן און שליידערן, אַז די מוטער האָט זיך געלאָזט לויפן מיטן עופהלע אַהיים.

פון אַלע זייטן האָט מען געלאָזט וויסן:

— די לצים! די פּראָגער לצים קומען!

וואו אַ ווינקל, וואו אַ באַהעלטעניש — ס׳קליינוואַרג, ווי טרענדע־לעך, האָבן זיך אַ שאַט געטאָן מיט געזאַנג:

פּליִיט,
טראָמפּייט,
שפּילווייב —
ס׳קומען, ס׳קומען די פּראָגער לייט!

די לצים האָבן געטריבן שפּאַס מיטן קליינוואַרג. דער שטאָלצנגייער האָט מיט די בושלפּים געשפּריצט איבער די קינדערס קעפּלעך, זיי צע־טריבן:

— אין שולשטוב, קליינע מייזקעפּ, עכבראשים! אין שולשטוב!

ס'קאַרליקל האָט געשמייכלט צום עולם, זיך אונטערגעזונגען:

מיינע הערן — איך באַצייג זאַכן,
וואָס מאַכן יונג און אַלט לאַכן.

די פּראָגער לייט זענען פאַרשוואונדן אין טויער. אַ חברה בעטלער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די לצים, געוואָלט אַריין אין הויף. מיט פערד און שווערד האָבן די צוויי משרתים קריקגעהאַלטן דעם אַנלויף, אים גע־טריבן, זיך געריצט:

— אין טאַנצשטוב הין ציט, מיינע גראַפן און שלעפּזעק! אין טאַנצ־שטוב! דאָרט טוט מען ביי אַ געדעקטן טיש סאַרווירן הינער און פיש!

— הינער און פיש! — האָט אַ געלער בעטלער, לויטן הילוך אַ פּאָ־לאַק, איבערגעקרימט דעם משרת און אַרויסגעוואָרפן צו אים אַ ליידיקן אַרבל. — גיט אונדז אורחים עצות, אַ שטעכעניש אים אין די פּלייצעס!

— אַ גרימעניש אין די געדערעם! האָט זיך אַ צווייטער אַרויסגערוקט.

— עסן זאָלן אים ווערעם! — האָט אַ דריטער אַ זאָג געטאָן.

דער משרת האָט אַ שפּאָרע געטאָן ס'פערד. דער שימל האָט זיך אויפ־געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, זיך געטראָגן אויף די בעטלער, וואָס האָבן אָפּגעצויגן. דער משרת האָט זיך צעברומט:

— געגאַנגען, שלעפּזעק! געגאַנגען, הינט! קיין שעלטן! קיין צענקען און רייסן!

און אַז דער אַנלויף איז אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, האָט דער געלער בעטלער זיך צעווינטלט מיטן ליידיקן אַרבל. ער האָט גע־עפנט אַ מויל מיט שיטערע ציין און גענומען איבערקרימען דעם משרת:

— קיין צענקען, קיין רייסן — מיר, הינט, וועלן אויף דיין קבר שייסן! אויף דיין באַלעבאָס׳ קבר שייסן!

די פּראָגער לייט האָבן זיך געשאַרט איבער לאַנגע, געוועלבטע קאָרידאָרן, זיך געהויבן איבער פינצטערע שווינדלטרעפּ, געעפנט דאָ אַ טיר, דאָרט אַ טיר, ביזקל זיי זענען אַריין צום רייכן בעלאָסער. צימערן — ברייטע, ליכטיקע. אַנדערע אַזוי ברייט און לאַנג, אַז מען וואָלט געקענט אויסדרייען מיט אַ פירפערדיק געשפּאַן. הויסן, וואו די געביידע האָט אויסגעזען שמאָל, וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז אינעווייניק איז אַזאַ גערױמקייט, אַזאַ רחבות.

אין איין זאַל האָבן זיך געקליבן מאַנצבילן, אין אַ צווייטן — ווייבער און מיידלעך. אינעם אַלקער, לעבן ווייבערשן זאַל, האָבן די פּראָגער לצים אויסגעפּרואווט זייערע שפּיל־כלים, איבערגעזאָגט און איבערגעזונגען זייערע „שטיק", זיך געגרייט איבערצושטייגן די אָרטיקע רעגענסבורגער קאַמעראַדן. די רעגענסבורגער „כוחות" האָבן זיך געקליבן אינעם אַלקער לעבן די מאַנצבילן. לייב מיט זיינע אַרויסהעלפער האָבן אָנגעשטעלט די העלדזער, געזאָגט שטיקער פון „שמואל־בוך" מיט אַ זינגענדיקער שטים.

דער ליכטיקער פּאַרנאַכט איז געשטאַנען אין די שמאָלע אָפענע פענצטער. מענטש, מעבל, שטיקערייען — אַלץ האָט געשטראַלט מיט יענער וואַקסענער וואַרעמקייט, ווען די זון האַלט זיך אין זעצן. אויף ווינקלטישלעך האָבן שוין געברענט שווערע, זילבערנע קאַנדעלאַבערס, געברענט, אָבער ניט געלויכטן, בלויז די פלעמלעך, פּאַרחלשטע, האָבן זיך געשפּיגלט אין די זילבערנע רערן.

מוישל קראַקער איז געלאָפן פון איין קאַמער אין דער צווייטער. ס׳איז אים געגאַנגען אין לעבן צונויפצופירן לייבן מיט פישלען. ביידע האָבן זיך

געקווענקלט. לייב האָט קיין אַנדער נאָמען פאַר די פּראָגער לייט ניט געהאַט, ווי „דאָס געבינטל לצים", „די פּראָגער ריקים".

פישל ווידער, וואָס האָט זיך שטענדיק געמאַכט פאַרגעסן לייבס נאָמען, אים גערופן: „דער גאוותן, וואָס שרייבט פאַר אַלטע ווייבער און רכילות-טרייבער" — ער, פישל, האָט אין תוך זיך שטאַרק געוואָלט באַקענען מיט לייבן.

מוישל האָט אַ נעם געטאָן זיין אַמאָליקן חבר, זיך געלאָזט מיט אים געאָרעמט. פישל האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט, וואוהין מוישל פירט אים. זיי זענען ניט דערגאַנגגען צום צווייטן אַלקער און מוישל האָט אַ רוף געטאָן:

— ר' לייב!

לייב, מיטן אַנבליק פון אַ ראש-ישיבה, איז אַרוים פון אַלקער. דער שוואַרצער ראָק מיט פאַלדן און פעלדלעך, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו די קניהויזן, האָט זיך פאַרשפּיליעט אַרום האַלדז מיט אַ ביינערנעם קנאָפּ, גרוים ווי אַ רייכסטאָלער. ס'פּנים, ווייס און דורכזיכטיק, איז געווען איינגערעמט אין אַ שוואַרץ זיידן בערדל, וואו יעדע האָר האָט ביים קלענסטן בלאָז זיך געווינטלט.

— ס'איז פישל זינגער פון די פּראָגער לייט — האָט מוישל פאָרגעשטעלט פישלען און זיך געשראָקן, מען זאָל זיך אויפן אָרט ניט צעווערטלען.

— געהערט, געהערט — האָט לייב אַריינגעשטעקט פישלען, אַזוי, כלאחר-יד, די שפּיץ-פינגער; — וואָס טוט איר ברענגען, פּראָגער לייט? פריש געבעקס?

— קיין געבעקס — האָט דער ניט הויכער פישל זיך אַ בלאָז געטאָן, איז געוואָרן איין הייך מיט לייבן — קיין געבעקס, ר' לייב. אַלטן ווייַן טון מיר פירן — דעם גוטן, אַלטן הילדעבראַנט, דעם גוטן אַלטן דיטריך.

— הילדעבראַנט, דיטריך — אַלטער ווייַן? — האָט לייב זיך אַ קרום געטאָן. — אַלטע הענער, די געבן וועדער פלייש נאָך שמאַלץ!

די מראה אין פישלס פּנים האָט זיך געביטן. ער האָט זיך פאַרלוירן פאַר די קאַמעראַדן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין קלייבן אַרום אים. אָט איז רויזלין, אָט דער שטאָלצנגייער און אָט דאָס רויטע בחורל זלמן, וואָס האָט אָנגעשריבן „אמנון און תמר". וואָס פאַררייסט ער אַזוי די נאָז, דער גרויסער לייב? און אַז ער איז מיט אַ קאָפּ העכער — איז וואָס? ער, פישל, וועט זיך שטענדיק מיט אים אויסגלייכן! מיט די ציין האָט פישל געהאַלטן די בייסיקע, האַרבע ווערטער, וואָס זענען ביי אים געלעגן אויף דער שפּיץ צונג. און וואָס לענגער לייב האָט גערעדט וועגן קיניג דוד, וועגן יהודה המכבי, וועגן בר כוכבא, אַלץ אויסגעוועפּטער זענען געוואָרן די אייגענע האַרבע רייד און ער, ר' פישל, איז ווי דורך אַ כישוף אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שמועס, האָט זיך צוגעהערט מיט אָפענע אויערן.

לייב האָט געוואָלט אַ קליינינקייט — פישל זאָל צוגעבן, אַז קיניג דוד, אַז יהודה המכבי זענען געווען אַזוינע שטאָלצע ווייגאַנטן ווי די דייטשישע קיניגן און פירשטן. און בת-שבע? אין פאַרגלייך מיט בת-שבען — וואָס פאַרע פּנים האָבן שוין געקענט האָבן די שיינע קרימהילד, די נאָך שענערע ברינהילד? ווי זאָגט קיניג דוד ביי לייבן אין „שמואל-בוך": „בת-שבע? איך האָב ביי מיינען צייטן קיין שענער מענטש געזען!"

— און פישל זאָגט, דאָס איך, רויזלין, בין די שענסטע! — האָבן רויזלינס אויגן אַ פינקל געטאָן.

— די שענסטע, די שענסטע! — האָט ס'קאַרליקל אונטערגעכאַפּט און די כנופיה האָט זיך צעלאַכט.

פישל האָט ניט געענטפערט. די שטענדיקע חוצפה איז ערגעץ וואו אָפּגערונען און ער האָט זיך מיט אַן אמת דערפילט קלענער, איז געשטאַנען פאַר לייבן ווי אַ געזעלן פאַר אַ מיינסטער. און לייב, וואָס האָט ניט אויפגעהערט רעדן, שוין געהאַט אויף זיין זייט אַלע קאַמעראַדן, האָט פאַרענדיקט מיט אַ בייזער:

— אויב אַזוי, אויב מיר, קאַמעראַדן, האָבן יאָ אַזאַ עשירות, וואָס

דאַרפֿן מיר יידישן אַ הילדעבראַנט, אַ דיטריך, ווען מיר האָבן אַן איי־גענעם דוד, אַ יהודה המכבי, אַ בר כוכבא?

— גערעכט!

— ר׳ לייב איז גערעכט!

— וויוואַט, ר׳ לייב! — האָט רויזלין אַ נעם געטאָן דעם מיינסטער אונטערן אָרעם.

בערל שמש האָט אויסגערופֿן:

— ר׳ יוסילמאַן ראָזהיים, אונדזער פּרנס ומנהיג קומט!

אינעם זאַל, וואו די מאַנצבילן זענען געזעסן, איז געוואָרן אַ טומל. די רבנים, דער ראש־ישיבה, דער מחותן פֿון סטאַמבול, דער חתן מיט די בחורים, די אָנגעזעענע מחותנים און באַלעבאַטים — אַלע האָבן זיך איינ־ציקווייז גענומען אויפֿשטעלן. פֿון צווייטן זאַל האָבן זיך אַ שאָט געטאָן יונגע מיידלעך. זיי האָבן זיך געטראָגן אין די קאָלירטע, זיידענע קליידער ווי פֿייגל. דער הויפּט־מחותן, בעלאַסער, האָט אַ הייב געטאָן פֿון טיש אַ ברענענדיקע קאַנדעלאַברע און זיך געלאָזט צום אַריינגאַנג מקבל פּנים זיין דעם חשובן גאַסט. לעבן אים איז אויסגעוואַקסן ס׳וויבֿ, גימכן, אַ גע־שטעל פֿון ווייסן זייד. פֿון נאָך ווייסערן אַטלעס, וואו פֿאַלד און פֿעלדל האָבן גערוישט, האָבן געפֿינקלט, טיפֿער געמאַכט די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט ווייטע לענדער. אויפֿן אויסגעקלאָרטן האַלדז, ווייס ווי אויפֿגעוועלטע מילך — שנירלעך פּערל. פּערעלעך ווי מאָן, פּערעלעך ווי טרערן, פּערל ווי טרויבן, וואו ווייס־בלוי האָט אויפֿגעפּלעמלט, געטריפֿט מיט טראָפּנס רעגנבויגן. מאַן־וויבֿ האָבן זיך איבערגעקוקט. בעלאַסערס אויגן, זיין דינע, גרוילעכע באָרד — אַלץ האָט אויפֿגעלויכטן. אויף אַזאַ געהויבענעם גאַסט האָט ער זיך ניט גערעכט. בעלאַסער האָט העכער אַ הייב געטאָן די קאַנדלאַברע און געדאַנקט גאָט, וואָס האָט אים צוגעטיילט

דעם גרויסן כבוד אויפצונעמען ביי זיך אין הויז ר׳ יוסילמאַן ראָזהיים, דעם יידישן „מנהיג ופרנס“, וואָס שטייט פאַר מלכים, פאַר קייסאָרים.

יוסילמאַנס לייבמענטש, אַ געוויקסיקער פּאַרשוין, איז געווען גרייט אַראָפּצונעמען פונעם באַלעבאָס׳ אַקסלען דעם לויזן וועגמאַנטל. יוסילמאַן אָבער איז געבליבן שטיין אינעם מאַנטל, וואו ס׳געלע רעדל — דער יידישער צייכן — איז ניט געווען צו זען. די שוואַרצע קרייזלעך אַרום די באַקן האָבן צוגעגעבן חשיבות דעם יונגן פּנים, וואו די גרויע אויגן, וואָס האָבן געבליקט מיט עקשנות און אויסדויער, האָבן געהאַט צו זאָגן:

— צו וואָס אַזאַ כבוד?

און אַז דער משרת האָט צוגענומען די קאַנדעלאַברע, האָט יאָסילמאַן געלאָזט וויסן, אַז ער איילט זיך, אַז ער האָט קיין צייט ניט, אַז ער בלייבט אין רעגענסבורג אַ שעה, העכסטנס אַנדערהאַלבן, אַז ער פאָרט מיטן יונגן קורפירשט קיין בייערן. ער, יוסילמאַן, האָט קוים געפּועלט ביים קורפירשט, ר׳זאָל זיך אָפּשטעלן אין רעגענסבורג. בעלאַסער דאַרף פאַרשטיין, אַז די חופּה איז בלויז אַן אויסרייד. מען רעדט שטאַרק וועגן אַ גירוש פון רעגענסבורג. ס׳אַרבעטן פינצטערע כוחות — די פירשטין קוניגונדע, גלחים, משמדים און סתם שונאי־ישראל. דאַרף רעגענסבורג האָבן אַ צד, אַן אייגענעם צד. און קורפירשט קאַרל קען היינט, מאָרגן ווערן קיניג. דעריבער דאַרף בעלאַסער הייסן גרייטן אַ טיש ווי פאַר אַ מלך: די בעסטע פרעמדע וויינען, די ראַרסטע פרוכטן. און דער עיקר — צוגרייטן אַ טויטנטאַנץ. דער קורפירשט האָט ליב צו זען, ווי יידן טאַנצן דעם טויטנטאַנץ.

ס׳איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט פאַרגעסן אַן דעם חתן, אַן דער כלה, וואָס זענען פאַרלוירענע געשטאַנען צווישן דעם אויפגעהייטערטן עולם. די כלה — אויגן שוואַרצע, האָר שוואַרצע — אין ווייסן אַטלעס. דער חתן — אויגן בלויע, האָר ליכטיקע — אין שוואַרצן סאַמעט. זי — דין, גאָר דין — אַ צעבליט צווייגל, האָט זיך אַ בייג געטאָן צום חתן, עפּעס איינגערוימט און אים געגעבן אַ קניפּל זאַלץ, אַ סגולה פאַר ניט־גוטע. זיינע גלאַטיקע באַקן האָבן זיך יינגליש גערויטלט.

פון די אייללאָמפּן, פון די קאָנדעלאַבּרעס האָט געפּלייצט ליכט. דאָס ליכט האָט זיך געשפּיגלט אין די ווענט, וואָס זענען געווען באַשלאָגן מיט געבלימלט לעדער, טונקל־רויטס. איבערן לעדער — לאַנגע, שמאָלע גאַבּע־לענען. ס'האָט זיך געזען, ווי משה, אַ באָרוועסער, אַ געבויגענער, שטייט פאַרן פלאַקערדיקן סנה, ווי רות פאַלט בּוען צו די פיס.

קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי בערל שמש האָט אַריינגעבראַכט די חופּה, ווי ער האָט אַריינגעבראַכט די קהלשע שער אויפצושניידן די פאַר־זיגלטע בייטלען, וואו די נדנס פון חתונס צד, פון כלהס צד זענען גע־לעגן. קיינער האָט ניט געפרעגט, פאַר וואָס דער רב שרייבט ניט די כתובה.

אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צום אַריינגאַנג, וואו אַ יונגער ריטער, בויגיק ווי אַ שלאַנג, האָט זיך אַריינגעשאַרט אין זאַל. זיין זיל־בערנער שופּן־פּאַנצער האָט געבלענדט, האָט געפינקלט און די שווערד האָט געקלימפּערט. נאָך אים — אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. די גאַנצע לייבוואַך האָט זיך אויסגעשטעלט, דורכגעלאָזט דעם קורפירשט, נאָך גאָר אַ יונגן, אָן איבערגעוואַקסענעם, מיט אַ לענגלעך פּנים ווי ביי אַ פערד פון איידעלן געשלעכט. נאָכן קורפירשט — די שררים פון רעגענס־בורג. נאָך די שררים — די יידישע פּני — דער שתדלן יוסילמאַן, בעלאַ־סער מיטן ווייב, חתן־כלה, די רבנים, דער מחותן פון סטאַמבול.

לעמלין זאַקסע, וואָס האָט געמיסחרט מיט „יובלאַטאַציע", האָט דער ערשטער אַראָפּגענומען דעם הוט. אַלע, אַ חוץ די רבנים, זענען געבליבן שטיין אין די בלויזע קעפּ און דער רויטער זאַל האָט אויפגעציטערט פון די וויוואַט־געשרייען:

— האָך! האָך!

אויבן אָן — דער קורפירשט. פוןביידע זייטן — די לייבוואַך. די פינקלדיקע שווערדן — ווי אַ גיבלדאַך. חתן־כלה זענען געגאַנגען אונטער די שווערדן, געגאַנגען אונטערן קלימפּער פון די געשפּאָרעטע שטיוול, זיך פאַרנייגט פאַרן קורפירשט:

— האָך! האָך!

אַלץ האָט אויפגעציטערט — שווערדן, קאַנדעלאַבערס, זילבערוואַרג, גלאָזוואַרג. הענט, אַן ווערטער, האָבן זיך געדריקט, אויגן — געלויכטן. וויין האָט זיך געגאָסן איבער זילבערנע בעכערס, איבער געשליפענע גלעזער, וואָס מען האָט געהויבן פאַר חתן־כלה, פּלייט האָט געשפּילט. פישל האָט אונטערגעכאַפּט:

איך עפן מיין מונד מיט זיסעם געזאַנג,
דעם חתן צו ער, דער כלה צו דאַנק —
האָ־האָך! האָ־האָך!

אוים מאַנצבילשער זאַל, אוים ווייבערשער זאַל. ריטער, שררים, בחורים, בחורות — אַלע האָבן זיך געטראָגן פון טיש צו טיש, געטרונקען, געגעסן, געשפּאַסט און געלאַכט אין אַלער לוסטיקייט, אין אַלער פאַרגענגליכקייט.

מען האָט כמעט ניט באַמערקט, ווי דער שמש האָט אַוועקגעשטעלט די חופה, ווי ער האָט איינגעוויקלט אַ „גוטעראָלף" — אַ גלעזל מיט אַ שמאָל העלדזל, גאָר אַ שמאָלם — אין אַ ווייס שטיקל לייוונט. קיינער האָט זיך כמעט ניט צוגעהערט, ווי דער שמש האָט אויסגערופן:

— מחותנים פון דער כלהס צד, מחותנים פונעם חתנס צד, איר מאָגט גערן דעם נדן ציילן!

דער מחותן פון רעגענסבורג, דער מחותן פון ווירמייזע, ביידע האָבן זיך שטום איבערגעקוקט און באַשלאָסן, אַז מען דאַרף איצט ניט ציילן די נדנם, אַז איינער געטרויט דעם צווייטן.

הבדלות, געפלאָכטן פון וואַקס, האָבן אויפגעפלאַקערט:

— צו דער חופה! צו דער חופה!

אויף אַ פּריער — פידל, פּלייט, יידנהאַרף. דערנאָך די מחותנים מיטן פאַרשלייערטן חתן, דערנאָך די מחותנתטעס מיט דער כלה. דערנאָך

ס׳פּייקל — אַ קלאַפּ און אַ היפּער, אַ קלאַפּ און אַ היפּער. וויינט די פידל, וויינט די פלייט, וויינט די יידנהאַרף, פאַרטרייבן די רוחות, די שדים, די מזיקים, וואָס טראָגן זיך פון צפון. ציען ריטער די שווערדן מיט אַ קלימפּער. פרייט זיך אַ בעל-מקובל: „מקשיין בפרזלאַ״. פרייט זיך אַ צווייטער בעל-מקובל: „להגן מן השדים מקיפין בברזל —״. צעוויגט זיך דער רב מיט אַ ברכה — פינקלט, ציטערט ס׳גימגאָלדענע קידושין-פינגערל. וויין גיסט זיך. פרייט זיך אַ בעל-מקובל: „ממשיכין יין — לפני חתן וכלה״. בייגט דער חתן ס׳בלייכע פנים צו צפון, צעברעכט אָן דער וואַנט ס׳גלעזל מיטן שמאָלן העלדזל — מזל-טוב! מזל-טוב! — און איבערן קאָפּ, איבערן פנים נעמט האָגלען מיט געברענטן ווייץ — לאַכט די פידל, לאַכט די פלייט, לאַכט די יידנהאַרף:

— מזל-טוב! מזל-טוב!

מען האָט אַרויסגענומען די טישן, די דיל-טעפּיכער. דער רויטער זאַל איז צוויי מאָל אַזוי לאַנג, צוויי מאָל אַזוי ברייט געוואָרן. אַרום די ווענט, וואו ס׳טונקל-רויטע לעדער איז געווען געבלימלט, איז געווען געליישט מיט גילדענע פעדעם, זענען געזעסן די געסט. מען האָט פאַרגעסן, אַז ס׳איז אַ חתונה, אַז ס׳איז נאָר וואָס נאָך דער חופּה. בעלאַסער, ס׳ווייב, די גאַנצע רעגענסבורגער פּני — אַלע האָבן זיך איבערגענומען, וואָס דער קורפירשט לאָזט ניט אָפּ יוסילמאַנען, פרעגט אים דעם באַטייט פון יעדן יידישן מינהג.

לעמלין זאַקסע האָט געכאַפּט דעם הויפּט-מחותן אין אַ ווינקל. ער האָט אַ שטעק געטאָן בעלאַסערן אין דער האַנט אַריין אַ קליין גאָלדן זייגערל באַזעצט מיט דימענטן:

— בלויז טויזנט רייכסטאָלער.

— צו טייער, צו פיל ממון — האָט בעלאַסער באַקוקט ס׳זייגערל.

— צו פיל ממון? — זענען זאַקסעס גזלנישע אויגן פאַרקערט געוואָרן

אין לעמעלעך — אַזאַ געשאַנק וועט דער קורפירשט אין אייביקייט ניט פאַרגעסן. זאָלכע פירשטן פאַרגעסן זאָלכע זאַכן ניט.

בעלאַסער האָט זיך געקווענקלט — זאָל ער שענקען דעם קורפירשט ס׳זייגערל אָדער ניט שענקען? ער האָט אין גאַנצן געאייל אַ זאָג געטאָן:

— כ׳העט גערן מיט דיר אויף נאמנות געמיסחרט — ת״ת רייכס-טאָלער וועט גענוג זיין?

לעמלינס „נאמנות" האָט אים אַריינגעבראַכט צוויי הונדערט טאָלער רווח. ער איז געווען צופרידן מיט בעלאַסערס אָנבאָט. דער סוחר אין אים האָט אים אָבער געטריבן און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ת״ת רייכסטאָלער? נאָך איין מאה, ר׳ שלמה, באַטרעט נאָך איין מאה, כ׳העט גערן פונעם משא ומתן דעם קרן אויסשלאָגן!

בעלאַסער האָט צוגענומען ס׳זייגערל. לעמלין האָט פון גרוים פרייד ניט געוואוסט וואו פריער צו לויפן. דאָ האָט ער עפּעס איינגערוימט דעם קור-פירשט, דאָ בעלאַסערן און דאָ איז ער שוין געשטאַנען מיטן שפּילוויב. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט געפעלן, אַז דער קורפירשט וועט זי מיטנעמען אין קיניגלעכן הויף אַריין. די פראָגער לייט האָט דאָס ניט גע-שמעקט. און פישל, וואָס האָט זיך געקליבן שפּילן אינעם „טויטנטאַנץ" דעם פּרנס, דעם לץ, דעם משומד, דעם נביא — פישל האָט אויסגעמיטן רויזען, געהאַלטן אין איין איבערקלייבן די שפּיל-בגדים. ס׳איז אים ניט איינגעגאַנגען, וואָס מען האָט פאַרגעסן אָן די היימישע, רעגענסבורגער, כוחות און ער, פישל, ניט לייב, פאַרנעמט דעם אויבן-אָן. ער וואָלט זיי איצט אַלץ מוחל געווען — ס׳געלט, דעם כבוד. בלויז רויזעם אַ וואָרט, בלויז רויזעם אַ בליק, אַז זי בלייבט מיט אים, און ער וואָלט גערן איבער-געלאָזט די חתונה מיטן קורפירשט, איבערגעלאָזט רעגענסבורג. ער האָט פון דער זייט געקוקט, ווי רויזע „שטראַצלט" זיך. אַט טורעמט זי די שוואַרצע פלעכטן, אַט צעלייגט זי זיי איבערן קליינעם, שיינעם קאָפּ. אַט וואַרפט זי איבער אַ האַלב טוץ קליידער און אַט שטייט זי לעבן אים אין סאַמעט, רופט אים: „פישל, פישעלע, פישלכן" — פרעגט ביי אים, אין

וואָס זי זאָל זיך „פּרעזענטירן“: אין סאַמעט אָדער גאָר אין זייד? ס'וואויל־לעבן איז רויזען אַלע אירע טעג ניט נאָכגעגאַנגען. זי וויל געפעלן דעם קורפירשט, זי וויל געפעלן די „געוואַלדיקע“ ריטערס. ער, פישל, דאַרף אויף איר ניט קוקן מיט אַ פּאָר אויגן, ווי די וועלט וואָלט זיך געהאַלטן ביים עקן. און אויב זי, רויזע, וועט שפּילן אין קיניגלעכן הויף, וועט זי אים, פישלען, ניט פאַרגעסן. און אַצונדערט, איידער מען וועט שטעלן דעם „טויטנטאַנץ“, דאַרף זי זיך „פּרעזענטירן פאַר די פערשטן און גראַפן“. איז וואָס זאָגט ער, פישל? ער שווייגט?

די פידל האָט זיך צעשפּילט. דערנאָך די פלייט. דערנאָך די יידנהאַרף. רויזע איז אָנגעלאָפן ווי אַ ווינט און אין מיטן לויפן איז זי געבליבן שטיין פאַרן קורפירשט אויף די שפּיץ פינגער. דער קליינער, קלוגער קאָפּ פאַרריסן, די נאָך קלענערע ברוסטן האָבן אַרויסגעטערקלט פון הינטערן געפּאַסטן סאַמעטענעם קלייד, וואָס איז געווען ברייט און ברייטער אַרום די לענדן, לופטיקער און צעפאַלדעוועטער אַרום דעם טראָט. און אין די פיס, וואָס זענען אי געשטאַנען, אי ניט געשטאַנען, איז געווען אַזאַ אומרו און אַזאַ רייץ, אַז ביים עולם האָט פאַרפעלט אָטעם.

רויזע האָט איינע אַליין געטאַנצט דעם יידנטאַנץ. קיין שפּרינגען, קיין פּאַטשן מיט די הענט איבער די לענדן, קיין קנאַקן פון צייגפינגער אָן דווימען. אַזוי האָט מען דעם יידנטאַנץ אין אשכנז ניט געטאַנצט. רויזע האָט זיך געשאַרט איבערן רויטן דיל, זיך געוויגט. אַ טראָט אַהער, אַ טראָט אַהין. אין יעדן קער, אין יעדן בייג — פרייד און טרויער. די אויגן האָבן אויפגעלויכטן און ס'מויל האָט זיך קוים געעפנט:

הויך עדעלער קורפירשט, וואָלט איר ניכט
מיט מיר איין טענצליין טאָן?

דער יונגער קורפירשט האָט זיך פאַררויטלט. און איידער ער האָט

צייט געהאַט עפּעס צו ענטפערן, האָט רויזע זיך שוין געטראָגן צו די ריטערס:

גענעדיגליכע ריטער, וואָלט איר ניכט
מיט מיר איין טענצליין טאָן?

שווערד און האַרניש האָבן זיך צעקלימפּערט. די ריטערס — אַ געפּאַנצערטע וואַנט — זענען געווען גרייט צום טאַנץ. רויזע האָט געשטעלט טריט, זיך דערווייטערט, זיך געדרייצט — כאַפּט מיך, כאַפּט מיך! — און איז פאַרשוואונדן אין אַלקער.

דער זאַל האָט אויפגעציטערט:

— רויזלין! וויוואַט רויזלין!

— וויוואַט!

אין דעם שאַלן, אין דעם טומל האָט זיך געוויקלט אַ שטיל געוויין, אַ ווייט געוויין. דאָס האָט די יידנהאַרף אין אַ זייטיק צימער אויסגעטרויערט דעם „איכה"-ניגון, צוגעגרייט דעם עולם צום „טויטנטאַנץ". פונעם ניגון האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומהיימלעך. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צום פאַרמאַכטן אַלקער, וואו פישל, איבערגעטאָן ווי אַ פּרנס, איז געזעסן אין אַ ווינקל און האָט געזאָפן ווייַן פון אַ פלאַש. ער האָט געוואוסט, אַז באַלד נאָכן „טויטנטאַנץ" פאַרלאָזט אים רויזע. זי איז דערהויבן געוואָרן, האָט זיך אַריינגעקראָגן אין אַ קיניגליכן הויף. און ער, פישל? דער קיניגליכער הויף איז אים ניט אָנגעגאַנגען. וואָס אים קורפירשט, וואָס אים ריטער, ווען אַ טרויער, אַ טיפער טרויער, האָט אין אים געבלעזלט, האָט אין אים געברענט, ווי דינע, גאָר דינע פליטיכער? פישל האָט געליטן, וואָס רויזע גייט אַוועק. דער ווייַן, וואָס האָט צעבלאָזן דעם טרויער, האָט אויך גענומען וועקן פאַרשלאָפענע כוחות, וואָס האָבן זיך צעגאָסן אין אים ווי אַ געוויטער, מיטגעריסן יעדע מחיצה. פישל האָט געטרונקען און געוואַרט, געוואַרט אויף אַ נס. אָט איז רויזע. זי

האָט זיך געבעטן ביי אים. דער שטאָלצנגייער מיטן פּייקלער האָבן זיך געבעטן ביי אים, געטענהט, אַז נאָך אַ שלוק און ער, פּישל, וועט פאַלן פון די פיס, וועט די פראַגער לצים פאַרשעמען און אומגליקלעך מאַכן. אויב אַזוי, אויב מען בעט זיך ביי אים, וועט פּישל זיך אַנטקעגנשטעלן, וועט פאָדערן, אַז רויזע — וואָס וועט ער פאָדערן? די ווערטער, וואָס האָבן זיך געהויבן אין האַלדז אַריין, זענען אויפן וועג אויסגעלאָפן. אָט נעמט אים רויזע פאַר איין האַנט, פאַר דער צווייטער — „פּישעלע, פּישלכן, מיין פרנס, מיין ליץ, מיין נביא, קום, מען וואַרט אויף אונדז. הערסט דעם מתים-טאַנץ-ניגון?" ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך צעוואַקלט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ ווייל. באַלד האָבן פּישלס מוילווינקלען זיך אומבאַהאַלפן צעשמייכלט און פון הינטער די ווייסע קרימלעכע ציין האָט זיך געקייקלט אַ שטילער טרויער:

איך קען ניט טאַנצן, איך בין קיין ליץ,
אין מזרח, רויזע, גייט אויף דער קיץ.
וועק פון מיר, דו אשה, אומריין לייב,
האָב ניקס צו טאָן מיט זאָ איין ווייב.

רויזע האָט אים אַרומגעכאַפּט. זי איז געשטאַנען מיט אים האַרץ צו האַרץ און אים געלאַכט אין פּנים אַריין:

מיט זאָ איין וייב האָסט ניקס צו טאָן?
ביסט קיין נביא, ביסט איין האָן.
דו ווילסט פיל שיינע וייבער קריגן
אונ' מיט אַלע, פאַלשער, ווילסטו ליגן.
דרום טאַנץ מיט מיר, דו לאַנגע באָרד —

רויזע האָט אים אַ צי געטאָן צו דער טיר. ער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט און איז נאָכגעגאַנגען. בלויז די אויגן, פּישלס אויגן, האָבן

געקוקט אַזוי, אַז איבער רויזעס לייב האָבן זיך גענומען טראָגן קאַלטע ווינטלעך.

דער אַלקער האָט זיך געעפנט.

אין ווייסע, זיידענע סוידעס איז רויזע געבליבן שטיין אויף דער שוועל. אַלע האָבן פאַרגעסן, אַז די יידנהאַרף ווינט. געמיינט, אַז דאָס שפּינט דער טויט זיין קלאַגליד. רויזע האָט פּאַמעלעך גענומען הייבן די הענט און פון די לויזע סוידעס זענען געוואָרן פליגל, פאַרשפּיצטע פליגל. זי האָט זיך געטראָגן איבערן זאַל, ווי אַ פלעדערמויז. און אינעם אויסגעצויגענעם פּנים, אָן מראה, האָבן די אויגן, שוואַרצע, אויסגעלאָשענע קוילן, געזוכט, גענישטערט. דער פּרנס האָט זיך באַוויזן. דער טויט, אַ פליגל אַרויף, אַ פליגל אַראָפּ, האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן פּרנס. און אין זאַל איז געוואָרן ווינטיק. רויזע איז ניט געווען זיכער, אויב זי יאָגט זיך נאָך פישלען. ס׳בערדל שוואַרץ, פּעך־שוואַרץ. די אויגן ווי ביי אַ גזלן. די ליפּן רויט. און אין גאַנצן אַזאַ שוואַרצע גרייס, אַזאַ „שוואַרצע באַשריגעניש". ניין, ס׳איז ניט פישל. ס׳איז לעמלין, לעמלין זאַקסע. דער קורפירשט האָט אַ קוק געטאָן אויף זאַקסען, דערנאָך אויפן ליץ, און ער האָט זיך צעלאַכט. דער גאַנצער זאַל האָט מיטגעלאַכט, אָנגעקוואָלן, וואָס לעמלין ציטערט מער איבער די אָנגעשטאָפּטע טאַשן „יובלאַטאַציע" ווי איבער זיין אייגן לעבן, דרייט זיך מיט אַ ציטער אין אַלע גלידער, מיידט קונציק אויס דעם טויט. די גזלנישע אויגן האָבן זיך געפלעמלט, געשפּריצט פונקען. אָט, אָט און די פלעמלעך וועלן אָפּזענגען ביים טויט די פליגל.

— בראַוואָ! — האָט זיך אַ ריטער צעשריען.

— בראַוואָ, וואַגאַנט!

דער טויט מיט צעשפּרייטע פליגל האָט אַריינגעשטופּט דעם פּרנס אין אַ ווינקל. דער פּרנס, וואָס האָט זיך געדרייט אינעם ווינקל ווי אין אַ שטייג, זיך געוואָלט באַפרייען, האָט זיך צעבייזערט:

וואָס זאָל מיר טאַנץ אין דיזער צייט?
איך בין צום טאַנצן ניט באַרייט.
דער מסחר שטייט מיר פאַר די טירן,
איך מוז צום פירשט דעם לייבצאָל פירן,
איך מוז מיך פאַר דעם קהל מיען.
לאָז אָפּ — איך מוז פון דאַנען ציען.

דער טויט, וואָס האָט געהויבן איין פליגל, געהויבן אַ צווייטן, זיך געגרייט צום טאַנץ, האָט גענומען דעם פּרנס אונטערן אָרעם און זיך צעזונגען:

קום, פּרנס, קום צום טאַנץ געשווינד
זיך דרייען ווי אַווירבלווינט.
דו ביסט אין דרייען גאַנץ דערפאַרן,
געטאָן דעם קהל גוט בעוואַרן
און' זיך גרוים ממון אין טאַש געדרייט.
דרום טאַנצן מיר אַצינד באַצווייט.
דו מוזסט מיט אַלעם זיך צעשיידן —
ווערער רייך נאָך אָרעם — מיך קען קיינער מיידן.

דער טויט האָט זיך געדרייט מיטן פּרנס, פאַרווישט די טריט מיט די פליגל. די יידנהאַרף האָט באַגלייט, די פידל האָט אונטערגעכאַפּט, און קיין קלעזמער איז ניט געווען צו זען. בלויז בערד, הענט און פינגער. אַ געהענגל פינגער האָט געציטערט איבער די זאַיטן, זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט שוין קיין פינגער אויך ניט געזען. די דינסטע זאַיט האָט אויסגעהויכט דעם אָטעם, זיך געעקט. דער טויט האָט זיך געטראָגן אַליין, אַ פליגל אַרויף, אַ פליגל אַראָפּ, געשפּונען זיין קלאָגליד און זיך פאַרנייגט פאַרן קורפירשט:

אָ ליבער קורפירשט, מעכטיקער האַר,
דיין שטערק איז אַלבאַקאַנט — פיר וואַר.
דאָך קום מיט מיר און' האָב קיין שרעק,

איך בין דעם לעבנס לעצטער עק.
איך בין דעם אַלערהעכסטן הערשערס קנעכט,
וואָס ער באַפעלט, איז אויך פאַר פירשטן רעכט!

דער קרופירשט האָט זיך אויפגעשטעלט. נאָך אים יוסילמאַן, נאָך אים — די לייבוואַך. דער זאַל האָט אויפגעציטערט פון האַנטגעשלאָג, פון שווערדן- און שפּאָרן-געקלימפּער, פון רופן און שאַלן:

— בראַוואָ, רויזלין!

— בראַוואָ, שפּילווייב!

— בראַוואָ!

פישל, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט זיך פון די געשרייען אין גאַנצן אויסגעניכטערט. ער האָט זיך גערוקט טיפער אין אַלקער אַריין, געזוכט אַן אויסגאַנג, געוואָלט אַוועק פון בעלאַסערס הויז. ער האָט אַן עפן געטאָן אַ זייטיקע טיר און דער הויכער לייב איז אים אַנטקעגנגעקומען:

— וואוהין, פישל? וואוהין?

פישל האָט ניט געענטפערט.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט, זיך איינגעהערט, ווי איבער דער טיר ציטערן פון די געשרייען די ווענט, ציטערן די פענצטער. ביידע האָבן טרויעריק געשמייכלט, זיך פאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ איז שוים, וואָס קומט און פאַרשווינדט. ס'לעבן איז ניט פאַרשווענדעריש. גיט עס איינעם די וועלט, גיט עס ניט יענעם וועלט. די אייביקייט אָבער איז זייערס — לייבס, פישלס.

לייב האָט אַרויפגעלייגט אויף פישלען אַ האַנט:

— בלייב מיט מיר, פישל.

— וואו? הי אין רעגענסבורג? אין אשכנז?

לייב איז אָפּגעגאַנגען מיט פישלען עטלעכע טריט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טרעפּ און האָט זיך צערעדט, אַז ער טראַכט גאָר ניט צו

בלייבן אין רעגענסבורג. פאַר לייבן איז „אשכנז" פיל מער ווי די שטעט אַרום ביידע זייטן ריין. פאַר אים איז אשכנז — וועלשן־לאַנד, צרפת, אפילו סטאַמבול — אומעטום וואו מען רעדט „אונדזער לשון", וואו מען רעדט יידיש. ער, לייב, האָט דעם „שמואל־בוך", האָט אַ „בר־כוכבא־שפיל", האַלט ביים פאַרענדיקן „אַ גירוש־שפאַניע־שפיל". ווי פישל זעט, לאָזט זיך לייב אין וועג אַריין מיט ניט קיין לייַדיקע הענט. און אויב מען וועט דאַרפן אַ שפּילווייב — איז דאָ ווענעדיק, איז דאָ מאַנטוא, איז דאָ רוים. וואָס איז רויזלין אין פאַרגלייך מיט אַ וועלשער שפּילווייב?

ווי פישל האָט דערהערט רויזעס נאָמען האָט זיין שמאָלער גוף אויפגעציטערט. ס'פּנים האָט זיך פיינלעך אַ קרום געטאָן. לייב האָט עס ניט באַמערקט. ער האָט ווייטער גערעדט, פאַרלאַנגט פון פישלען איין תנאי. מיט אים, מיט לייבן, וועט מען קיין וועלשע, קיין טייטשע מעשות שלעכט געבראַכט אין יידיש מער ניט זינגען, מער ניט זאָגן — אויב פישל איז מסכים, לאָזן זיי זיך מאָרגן, איבערמאָרגן אין וועג אַריין.

פישל האָט ניט געענטפערט. די פריידגעשרייען האָבן אים ניט געלאָזט איינשטיין. ער האָט זיך גענומען טראָגן מיט די טרעפּן. לייב נאָך אים. און אַז זיי זענען אַרוים פון הויף, קוים זיך געהאַט דורכגעשטופּט צווישן המון, האָט פישל זיך אַ דריי אויס געטאָן צו לייבן:

— מיר פאָרן, מיר פאָרן, אפילו שוין!

# וואָרט־טייטש

אויסוועטערן — אויסלופטערן

אויפוועלן —אויפקאָכן מילך

אומטרעכטרין — עקרה

אומקיישן — זיין אויסגעלאָזן

אונמוטיק — אומעטיק

אייבערשטע — פירערס

אַנטשפּויזן — פּאַרקנסן

אָפּזעננגען — אָפּסמאַליעו

אשכנז — דייטשלאַנד

באַלבירער, באַרבירער — שערער, אָדער־האַקער

באַרכעס — חלות, קוכנס

בחורה — מיידל

ביבערייען — שמד־שטיק

בלאָזן — אַ חוצפּהדיקער, אַ ציניקער

בלאָזער — בלא זה, אַן אפכא־מסתברא־פּאַרשוין אין רעגענסבורגער פּילפּול

ברוילעפּט, ברײַלעפּט — חתונה

ברייהאָן — ווייצנביר

גודערן — רעדן גיך, רעדן אומפאַרשטענדלעך; גענדז גודערן
גלחות — לאַטײַן
האַרבעריק — אכסניא, טרינקשטוב
האַרניש — סיגעפּאַנצערײַ פון אַ ריטער
הויזנבלאָזן — מערביקע קיכלעך אין דער פאָרעם פון הויזן
הויסן — דרויסן
העפּטעלין — זיכער־שפּילקע

וואַגאַנט — אַקטיאָר
וואַקער — מוטיק, לעבעדיק
ווייגאַנט — קריגסהעלד
ווי נאָך — אַזוי ווי
ווערדער... נאָך — ניט... ניט
וועלש — איטאַליעניש

זאַיט (זאַיטן) — סטרונע (סטרונעס)

טאָרן — נאַראָנים
טראָפּ — נאַר
טרענדל — דריידל

יאָקולאַטאָר — שפּאַסטרײַבער, אַקטיאָר
יובלאַטאַציע — צירונג
יידנהאַרף — דודע

לאַנען — קייטן
לענדענירן — פּאַסקעס
לאַנטעך — אַ גאָר גרויסער זאַק
לאַנצום — לאַנגזאַם
לוקן — קוקן
„להגן מן השדים...” — (חדושים באותיות תסרות, ר' אליעזר מוורמייזא)
ליפּ־עק — וואָנצע

לץ, לצים, לצנים — אַקטיאָר, אַקטיאָרן.

לשון אשכנז — יידיש

מאַנק — צווישן

מאָטלען — רכילות טרייבן

מאַליקאָלע — מעלאַנכאָלישע

מאַניעלן — בראַנסלעטן, אָרעמבענדער (איטאַלי׳ :

מיין — מער

„ממשיכין יין...״ (ברכות, נ׳) — איינצונעמען די בייזע רוחות

מעכיע, מחיה — יאָגעניש, „גראַטשקע״

מערביק — קרוכע

מעשיט — דינע שריפט, ניט פּירקאַנטיק

„מקשיין בפרזלא...״ — (מדרש רבא, קדושים, ג׳) — צו פאַרטרייבן בייזע רוחות

מתים־טאַנץ־ניגון — (מחולות המות, ד״ר ש. רובין, ווין, תרל״ז)

ענדער — בעסער

פאַנץ — גרויסער בויך

פולצל — מיידל

פוקל — הויקער

פלאָן (פלאָנען) — פּלאַכטע

פּריזאַנט — טאָפּאַז

צרפת — פראַנקרייך

קיפּלען — טרייבן זנות

קלאָצקאָרקעס — הילצערנע האַלבע שיך

קריסן — גיין צו קינד, שרייען מיט באַנומענע קולות

קרימפּלהאָלץ — אַ געבויגן דרענגל אויפצוהענגען אַ בהמה פאַרן שינדן

ראַצן — רצחיענען

ראַר — זעלטן, אויסטערליש

ריפּקוכן — ענגלישע קרענק

ריק (ריקים) — רשע, גאָטלאָזער מענטש, לומפּ

שינפּעראַ — שפּאַסטרייבער

שובקאַר — שטופּוועגעלע, אויסגעלאַסענע פּרוי

שול גיין — דאַווענען

שטוב־טראָפּ — חדר־ניגון

שמועות — מעשׂיות

תּפס׳ען — איינזעצן אין תּפיסה

דער פּאָרטרעט יוסף אָפּאַטאָשוס איז געמאַכט לויט אַ צײַ־
כענונג פון י. גליצענשטיין.

די בילדער אין טעקסט זענען רעפּראָדוקציעס לויט אַלטע
האַלצשניטן און צייכענונגען.
מיר דאַנקען דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין
פּאַריז פאַר די קלישעס, וואָס זי האָט אונדז צוגעשטעלט.

די הילע (און דאָס גרויסע בילד פאַרן טעקסט) איז געמאַכט
געוואָרן לויט אַן אַלטן האָלצשניט, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער
שטאָט רעגענסבורג האָט געמאַכט אַ מתּנה דעם פאַרלאַג „די גאָל־
דענע פּאַווע“, אייגנס פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע.
מיר דאַנקען דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט
רעגענסבורג און דעם סעקרעטאַר ביי דער דייטשער אַמבאַ־
סאַדע אין פּאַריז, ד״ר ב. פאָן מיכאָוויץ.

די איניציאַלן זענען געמאַכט געוואָרן לויט מוסטערן פון
אַלטע יידישע דרוקן אין מיטלאַלטער.

דאס בוך

א טאג אין רעגענסבורג

איז געווארן געזעצט און געדרוקט

אין דער דרוקעריי

יוסף שעכטער אין פאריז.

דאס בוך איז ארויס פון דרוק

ערב יום-כפור תשט"ז.